STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09882

A PASTEKH IN DER FREMD

Chanan Kiel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חנן קיעל

אַ פּאַסטעך אין דער פֿרעמד

ניו יאָרק • 1979

CHANAN KIEL

A SHEPHERD IN EXILE

A Pastech in Der Fremd

Collected Poems

שער־בלאַט און צייכענונג פון חנן קיעל

◆

Copyright 1979

BY

Chanan Kiel

42 - 51 Saull Street
Flushing, N.Y. 11355

Farlag Matones
(Sholem Aleichem Folk Inst.)

3301 Bainbridge Avenue
Bronx, N.Y. 10467

Printed in the U.S.A.



חנן קיעל

איך דאַנק מיינע פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס : די טשענסטאָכאָווער יאָנג־מען און רעליף־קאָמיטעט ווי אויך דעם אחד־העם פאַרבאַנד־צווייג 316 פאַר דער האַרציקערביישטייערונג צום אַרוסגעבן מיין לידער־בוך.

מיין אומגעקומענער משפּחה
געהייליקט

אַ פֿאַרלוירענע באַלאַדע

איך טרויער אויפֿן אור־ליד פֿון מיין לידערבוך
אין וואָגלנאַכט וואָס כ׳האָב פֿאַרלוירן,
— מיין צעריסענע באַלאַדע
פֿון גאָלדענעם זינגפֿויגל און אַ פֿאַרליבטער סטאַדע.

איך טרויער אויפֿן ניגון ניט־געזונגענעם
וואָס וואַלגערט זיך אין פֿרעמדן סטעפּ
מיטן פּאַסטעך־אומעט גורלדיק אַריינגעוועבט.

אויף מיינע אויסגעבערענטע שטערן
כ׳וועל ניט אויפֿהערן טרערן,
אויף יענער אָסיענדיקער נאַכט
ווען ס׳האָבן וועלף פֿאַרצוקט מיין ליד.

אויפֿן ווילדגראָז געטוליעט, מיד
וויגט זיך אין פֿינצטערניש די סטאַדע,
און דער פּאַסטעך, ביז היינט
וויינט אויף זיין פֿאַרלוירענער באַלאַדע.

◆

ממעמקים

ממעמקים

ממעמקים, פון מיינע באַהאַלטענע גיטער
אַ תפילה
צו דיר, באַהיטער
פון יידישלאַנד,
— דעם אומבאַקאַנטן אַליינער,
מאָרגן-שאָטן אויף דער מזרח-וואַנט
פון די שארית לייענער.

צו דיר — מיינע פערזן בלויע
פון אונדזער אַלטן רעגנבויגן:
פאַרנעם דאָס שטילע וואָרט-געמיט,
דעם פלאַטער-פלי
פון אַ ניי-געבוירן ליד,
פון האַרבסט-ווינט
דעם ניט-דערהערטן ציטער;
ממעמקים,
— אַ תפילה צו דיר
פון מיינע באַהאַלטענע גיטער.

◆

אַ פשוט ליד

מודה אני,
פאַר ווערטער פּראָסט-געלונגענע,
וואָס ברויזען וואָרעם אין אָדערן
צעזונגענע.

איך בין מוחל הויך-פליגלדיקע,
פרעמד-צעקלוגטע רייד,
פאַרן מינדסטן ליד וואָס ליכטיקט
מיט שיינקייט און באַשייד.

אַ פשוט ליד אין סומנעם טאָג וואָס צאַנקט
ווי מיט אַ האַרבסטרויז אין פּאַרק דעם ליידיקן
כ׳נייג זיך פאַר דער פרוי,
אַן עלנטע, וואָס דרעמלט אויף אַ באַנק.

מיך ציט צו ווערטער בלייבע,
צניעותדיקע — פון בראַצלאַווערס אַ תחינה, —
אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען,
וואָס מאַכט ניט שטאַמלען מיין נגינה.

מיט ליפּן בלאַס-פאַרטרוקנטע
איך מאַך מיין יידיש-קידוש
פאַרן קליינעם בני בית וואָס זיצט נאָך
ביי דעם טיש פון יידיש.

מיין ליד מיט לערערישע קלאָרע שריפט,
וואָס דאַרפן ניט קיין ברילן,
— אַ חברטע זאָל לייענען מיינע פערזן
מיט אַלטמאָדישע געפילן.

◆

אין שפּעטן האַרבסט

אין שפּעטן האַרבסט
איך קום מיט אָטעם קוים פאַרכאַפּטן,
מיט מאַנגער־גאָלד און צויבער־בלוי,
מיט עפּל־ריח איינגעזאַפּטן.

אַ פרישער יאָלד מיט בינטלעך
אָנגעצונדענע געזאַנגען,
ווי נאָך אַ חתונה
בלאָנדזשען שאַטנדיקע קלאַנגען;
אַרום איז שטיל
דער עולם איז זיך שוין צעגאַנגען.

איך בין אריין אין פוסטן הויף
מיט מיין פאַרזאַמטן ליד,
ווען סווערט שוין לער און סליידיקט
אונדזער זינג־יריד.

פאַרטרוימט,
ווי אַ ייִנגל כ'קום צו מיין געגאַרטן טיש,
אפשר וואַלגערט זיך אַ קריש,
נאָר אַלץ איז אָפּגערוימט.

זיי איילן זיך נביאיש,
קלייבן פערל,
סדרן דאָס גאָלד,
ווען צבאות האָט דעם פסק
אַליין נאָך ניט געוואָלט.

זיי איבערזועצן קאָלט,
סאָפיסטיצירט און ניכטער;
געוואָלט!
וואָס איז געוואָרן
פון מיינע יונג-צעשויבערטע,
קלעזמאָרים-דיכטער.

פון שקיעה גאָלד,
גאַלאָפּ —
זיי יאָגן באַרג-אַראָפּ
ווי אין געוועט;
מיט לעצטע כוחות,
פאַרסאָפּעט, לויפט זיי נאָך
אַ פאַרשפּעטיקטער פּאָעט.

◆

איך ווייס

איך ווייס, אין וואָלקן־פּלאַטער
זיינען טויבן־פליגל ניט גענוג,
אַרויף צופוס כ'האָב זיך געשלעפּט,
און אין מיין ברענענדיקן דורשט
צומאָל פון פרעמדן קרוג געשעפּט.

איך ווייס, געדראַפּעט האָב איך זיך
אויף בערג אויסגעטראַכטע,
און קעגן דעם אַראָפּשלעפּ
זיך געווערט
מיט כוחות לעצטע אָפּגעשוואַכטע;

און ווען געפאַלן —
כ'האָב מיט שלאַבעריקע פיס,
ווי טשאַרלי טשאַפּלין
אויפסניי גענומען קלעטערן
אויפן חלום־לייטער
מיט צעברענטע שטאַפּלען.

צו שפּעט

ביסט געקומען צו שפּעט,
אין מיין גאַלדענער טיר קלאַפּסטו אָן
אַ מינוט פאַרן שלאָפנגיין,
אַ שאָד דיינע טרערן, דיינע שטערן זיבן,
אומזיסט דיין געבעט,
ביסט געקומען צו שפּעט.

ביזקל זונאונטערגאַנג כ׳האָב אויף דיר געוואַרט
אין רויזנטאָל,
איצט קענסטו מיך ניט אויסטרינקען מיט אַמאָל;
פאַר אַלע פאַרשפּעטיקטע מינוטן —
זיי געזונט, געליבטער,
אַ גוטן.

ערשט איצט האָסטו אַראָפּגעוואָרפן דיינע לאַסטן,
מיט צעשטאָכענע פיס ביסטו געקומען צו לויפן
אַ הונגעריקער,
נאָך אַ שווערן טאָג פאַסטן.

וואו האָסטו זיך באַהאַלטן
ווען ס׳האָבן הימלען מיט אונדזער כאַר געזונגען?
איצט ביסטו פון שטויביקן וואָגל געקומען
אין אויסגעבליאַקעוועטן טרויער,
ווען פאַרשלאָסן איז שוין טיר און טויער.
אויף אונדזער חרובן הויף שלייכסטו זיך אַריין
מיט דיינע ניט געזונגענע לידער
ווען ס׳זיינען בלויז קרישקעס אויפן טיש געבליבן.

אַ שאָד דיינע טרערן, דיינע שטערן זיבן,
ביסט געקומען צו שפּעט.

◆

צויבער־האַרף

די ציובער־האַרף האָט זיינע לידער ניט געשפּילט,
אין בין־השמשות בלייבע, זיי וועלן שטאַרבן;
פון ליפּן ניט־באַרירטע זיי הענגען ווילד,
נאָר שיכור איז די לופט פון טרויבנזאַפט און פאַרבן.

דאָס ליד — אַ גאָלדן פינטעלע פון זיין ליבן נאָמען,
אַ שטערן אין חלל וואָס האָט ניט קיין אַדרעס,
אַ ברי אין זשאַר פון גליאיקע אַטאָמען,
אַ פּערל־קלאַנג אינעם סימפאָנישן פאַרגעס.

אַז ער וועט אַריבער דעם הארבסטיקן באַרג
וועלן בלייבן אונדז לידער פון אַש און וואָגל;
וויינען וועט זיין קלעזמער־פידל אויפן אַלטן מאַרק,
און מיר'ן טרינקען פון זיין טרויעריקן לאָגל.

ווען ער וועט פון דער אויסגעטראַכטער וועלט אַנטרינען,
וועלן אויגן טריבע
טובלען אין תכלתדיקע קוואַלן דעם דיכטערס ליבע,
פון אַלע לידער די ערשטע סיבה.

◆

גליוואָרעם

אויף זומפּיק־קריכיקע וועגן
איך ציטער פאַרן גליוואָרעם,
אַ גאָלדן פּינטעלע אין שטויב
וואָס פלאַנטערט זיך
אין פרעמדן נאַכט־געוועב;
אַ סימן פאַר די שטערן:
איך לעב.

אויף בלינדע יאַושדיקע שטראָזן
טופּען זייערע שטיוול־טריט,
און מערקן ניט אַ קליינעם פונק,
אַ רגע־בליץ,
וואָס שפּילט זיך אינדערמיט.

איך האָב מורא, איך ציטער,
פאַר די רויע שטיוול פון נאַכט־אַטלעטן,
זיי קענען נאָך חלילה מיין שטילן חלום,
דעם גליוואָרעם צעטרעטן.

כ׳האָב ניט קיין טענות מער

אַבי איך האַלט זיך אויף דער פלאַך,
האָב איך ניט קיין טענות מער
צו דיינע נעכט,
און גיב מיר ניט אײַנגאַנצן געךעכט.

אַבי איך האַלט זיך אויף דער פלאַך
זינג איך דיר גאָטעניו, אַ שבח;
האָסט פון בראשית, מסתמא,
אין דיין סדר עולם,
פאַרטרויט מיר דיינע לאַסטן,
אויסגעליידיקט אויבן דיינע הימלדיקע אמתן,
אויסגעטיילט
אַלע בליענדיקע קאָנטראַסטן,
צעקריגטע אויף מעסער-שטעך.

איך גיב מיר ניט אײַנגאַנצן געךעכט
און שטרייך אוים מיינע יונגע עוולות
פון שטאַרק און שוואַך.

אַדאַנק דיר גאָטעניו,
אַבי איך האַלט זיך אויף דער פלאַך.

◆

שכורע געטער

ערגעץ וואו אויף אַ בערגל האָרבסטיקע בלעטער
וואַרטן אויף מיר מיינע שכורע געטער.

כ׳דערקען מיין צעהוידעטן חלום־פּלי
דעם ריח פון ליבע אין ערשטן צעבלי.

פאַרוואונדערט — אַ הירש מיט גאָלדענע הערנער —
אין ווילדן גאַלאָפּ אויף בריגראָז און דערנער.

צעבריקעט מיט פּויקנדיקע קלאָען
ער קראַכט אַריין אין וואָלקן גרויען,

אין בין־השמשותדיקן פּורפּור־שיין
כ׳זוך ביז היינט דעם באַהאַלטענעם וויין,

ערגעץ אויף אַ בערגל האָרבסטיקע בלעטער
וואַרטן אומזיסט מיינע שכורע געטער.

◆

אַנטלויף

אין זילבערנעץ פון רייד
ער האָט דיך שוין אַריינגעשפּינט,
אַנטלויף באַצייטנס קינד ;

זיינע אויגן צויבערן מיט גרינעם פייער
קום אַרויס פון פרעמדן לאַבירינט.

פאַרנעם ניט
דאָס קרישטאָל געזאַנג פון זיין
ניט־צעבראָכן האַרץ ;
ער ציטערט ניט ווי איך,
ווי דו.
אין שייטערפלאַם פון פאַלש־געזאַנג
וועט אויסברענען דיין רו ;

אַנטלויף שוין איצט
פון זיין פאַרבלענדטן קרייז
איידער ער פאַרקאַוועט דיך אין אייז.

דער הויף זינגער

ער האָט דיך אָפּגענאַרט,
און איך מיט מײַנע הויף-זינגער
זיץ נאָך אויף דער שוועל און וואַרט,
און ווער ניט מיד פון וואַרטן.

אויף זײַן גרויסער קאַלטער וועלט
כ'האָב שוין לאַנג געטאָן אַ שפּיי,
איצט בין איך אינגאַנצן פרײַ.

אַ שאָד וואָס דו ביסט דאָרט נאָך
אײַנגעוועבט ;
אויף דיר אַליין איך וואַרט ביים ראַנד
אויף דער לעצטער טרעפּ.

ער האָט דיך אָפּגענאַרט
דײַן אַליין געקרוינטער האַר ;
קום צוריק
צו די באָרוועסע הויף-זינגער,
איך וועל דיך מציל זײַן
מיט מײַן פּאַטעטישער גיטאַר.

◆

זיינע אויגן

די וועלט איז אויך צו קליין
פאַר זיינע גלוסטיקע אויגן ;
זיינע פייל־בליקן פליען הויך און ווייט,
ער שפּאַנט אַריבער אַלע הויקער־בערג
פון צייט.

נאָר אין געפּרווירענעם שפּיגל
זיינע אויגן מערקן ניט
די טרער פון אַ קינד וואָס גליט.

◆

אלהי

נעם צו מיין קרבן אלהי — מיין גאָט,
וואָס אמת איז דיין צדקות,
און איך בין דיין ניט אַנטפּלעקטער סוד ;

אויף דיין ווייסן וועג
איך וואָגל הין קריק
און וויג מיינע טעג אין דיין בלויער וויג.

איך ווייס, איך ווייס, דו קענסט מיך ניט אַפילו ;
נעם צו מיין קרבן, טרינק מיין צער,
נאָר לאָז מיך ניט אַליין פאַרפירן
אַ צווייפלער
און אַ נאַר

◆

אויף שאַגאַל׳ס דאַך

אויפֿן צויבער־דאַך פֿון שאַגאַל איך צייל די קליינע שטערן,
ווען אין חומשדיקן אָוונטווינט פּלאַקערט סדום ועמורה,
מיין זיידנס תּפֿילה צאַנקט אין טונקל בלויער מרה שחורה,
זיינע שטערן צעשאָטענע אין פֿינצטערניש זיך מערן.

שטילע נאַכט וויקלט דעם פּאַרמעט פֿון מיין מגילה־ליד,
אויף פֿיסן־בענקלעך זיצן תּהילימדיקע למד־וו,
פֿאַרגליווערטע זיי טרויערן אויפֿן ליכטיקן כי טוב,
און שאַגאַלס גרינע פֿידל שפּילט נאָך אַלץ אין מיין געמיט.

הער ווי ס׳ניגונט אַרום אַ תּפֿילה פֿון זומפּיקע תּהומען,
קינדער פֿון אַלטן סדום שפּילן זיך מיט געשפּאָלטענע אַטאָמען,
און איך — יאָלדיש קום שיכורן פֿון בראשית־קוואַלן;
אויפֿן וואָלקנדיקן צויבער־דאַך איך צייל נאָך אַלץ די שטערן,
ווי מיין מיסטישער זיידע וועל איך מיד ניט ווערן
מיט מיינע טויבן־לידער חלומען אינאיינעם מיט שאַגאַלן.

תפילה לאדם

אין רויטער שקיעה ביים ראַנד פון זיין און פאַרגיין
נעם מיך אַריין אין דיינע צעלן, ליכטיקע יצירה,
אַז איך זאָל אין מיין בלויען אין־סוף ניט פאַרפּרירן,
לאָז מיך ניט בן־אדם אין מיינע הימלען אַליין.

איך האָב אין די נעכט דיין סומנעם טרויער געזויגן,
און ווען כ׳האָב אַנטפּלעקט דיר דעם סוד פון נגינה
האָסטו באַהאַלטן דיין פּנים מיט קנאה
און אַנטלאָפן פון אייגענעם רעגנבויגן.

אָן דיר בן־אדם איז מיין דאָ־זיין אַזוי ווי ניטאָ,
לאָמיר זינגען אינאיינעם — אנחנו נברך יה —
אַזוי זאָגט צבאות — די קרוין פון באַשאַף.

לאָמירביידע תהילימדיק פאַרוויגן די בראשית־בערג;
ידיד נפש, נעם ניט צו פון מיר די וועלט,
אָן דיר, מענטש, וועל איך אויסגיין אין הימל פון קעלט.

◆

פערל און שטויב

ניט אומזיסט איך גריבל זיך אין אַש פון יאָרן,
יסורימדיקע רגעות ברענען און פאַרצערן
מיין מנוחה, זיי ווילן ניט פאַרגעסן ווערן;
הונגעריק זיי ווימלען אין תהום פון מיין זכרון.

פון אונדזערע מגילות די וועלט איז טויב און מיד,
און אונדזער ווייטיק וועט איר סדר ניט צעשטערן,
איז גענוג פאַר מיר אַן אייגן קינד זאָל זיך דערנערן
מיט די אותיות־פּורחות פון מיין ווידוי־ליד.

ניט קיין וואונדער־סודות נייע בין איך דיר מגלה:
נאָר פערל, פערל צעקרישלטע אין מיסט, און שטויב,
מיט הענט צעבריטע ליג איך אויף דער ערד און קלויב.

איך האָב געקליבן זיי אין יאָרן יאושדיק־פּאַטאָלע.
און געבליבן כ׳בין אַ בעטלער וואָס וואַלגערט זיך אויף וועגן בלינדע
מיט פערל־לידער אין דער טאָרבע פאַר זינגענדיקע קינדער.

◆

ווער בין איך

בין איך דער בן־אדם פון קאָנטראַסט און געראַנגל,
מיט קליפּות צעגליטע אין תהומיקן פלאַם,
גולם־ריז און פּחדן אין קייטן געפאַנגען,
פון דורותדיקן צאָרן — דער גואל הדם?

צי בין איך די כמאַרע געלאָדן מיט בליי,
אין שטייג געצאַמט — אַ פאַרצטערע תאווה?
אין איך־איינגעווייד וואָס קאָכט ווי אַ לאַווע,
און רייסט זיך מיט פייער אַרויס אויף דער פריי?

אפשר בלויז אַ קינד אָן זכרון, אַ ליכטיקער בר־נש,
אַ שומר וואָס היט זיינע מידע געפילן, ווי שאָף;
וואָס קענען זיך הפקר צעלאָזן אין פאַרמאַטערטן שלאָף?

צי בין איך אַ שיכור פון געטלעכן קוואַל, פון בלויען מיראַזש,
צי גאָר אַ בלינדער וואָס דינט צום וואולקאַנישן גאָט?
ווער בין איך? וועט בלייבן אָן אייביקער, אייביקער סוד.

◆

אויף מיין וואונדער־וואַנדער וועג

איך טרינק דאָס קילע ליכט
פון רעגנדיקע שטערן;
כ׳וויל זיך אָנשיכורן מיט מוזיק,
איידער כ׳קום צו דיר צוריק.

לאָז מיך דורכשניידן דעם פיינגעוויטער,
שיכורערהייט דערגיין צום טויער,
וואו ס׳האָט געבליט מיין ערשטער ציטער.

דיינע פינגער האָבן אָנגערירט
די סטרונעס פון נאַכט,
און דער חלל איז פול געוואָרן מיט פראַכט.

איך טרינק דעם אַלט־פאַרגעסענעם וויין,
כ׳וויל זיך אָנשיכורן מיט ליבע
אין טעג פאַרחוזקטע, טריבע;
ברענגען דיר אַ קויש פרילינגדיקע לידער,
ווי אַמאָל אין די בראשית־טעג.
אויף דיין בלויער שוים לייג איך זיי אוועק
איידער כ׳ווער אַנטשלאָפן
אויף מיין וואונדער־וואַנדער וועג.

◆

מיין פאַרמעג

איך האָב דיר אויסגעשפּינט אַ זיידענע נחלה
אויף מיין וואָלקנדיקן וואַנדערוועג
דאָס איז מיין פאַרמעג:

אַ לייטער ניט־דערהייכטן,
אַ הימל ניט־דערגרייכטן,
שטערן ניט־געציילטע,
וואונדן ניט־געהיילטע.

ניגון ניט־געשפּילטן,
צער ניט־געקילטן,
לידער ניט־געלייענטע,
אויגן ניט־דערוויינטע.

דערצו אַ טראָפּ
פון זיידן יעיקלס קדושה,
דאָס איז מיין ירושה.

וועגן ניט־געשפּאַנטע,
הייכן ניט־דערלאַנגטע,
בערג ניט־געקלעטערטע,
ליבע ניט־געזעטיקטע.

וואונדער ניט־פאַרשטאַנענע,
געטער ניט־פאַראַנענע,
טרוימען ניט־געשטויגענע,
פליגל ניט־געפלויגענע.

דערצו אַ פלאַטער פון מיין טאַטנס שרעק
צו זיין לעצטן ברעג,
דאָס איז מיין פאַרמעג.

◆

צו דיר

הײנט שװעב איך װידער אױפֿן העכסטן באַרג,
אױפֿן טורעם פֿון דער װעלט.
איך שטעל זיך אױף די שפּיץ פֿינגער
אָנרירן דעם זױם פֿון דײַן װינטיק-קלײד.

מיר דוכט איך הער דײַן קול
פֿליסטערן איבער מײַנע האָר.
דײַנע פֿינגער קלימפּערן אױף מײַן האַרף;
מיט רחמים דערשײַנסטו
װען איך שפּרײַז איבער די זומפּן
פֿון דײַן װעלט;

װי אַ פּאַסטעך מיט אַ פֿױאַרקע
גײסטו מיר נאָך
װען איך פּאַשע זיך אין פֿעלד.

צו דיר קום איך הײנט מיט מײַן תּפֿילהדיק ליד,
צו דיר, װאָס רוט אין האַרץ פֿון אַ צעל.

◆

אין דער פרעמד

אַ פאַסטעך אין דער פרעמד

דער פאַרטאָג האָט קוים אָנגערירט די בערג־שפּיצן,
ווען ער האָט די סטאַדע ארויסגעטריבן אין די פייכטע טאָלן;

אַ נעפּל האָט איינגעהילט דאָס פעלד.
ערב־באַגינען האָט שטיל געוועקט די פאַרחלומטע טאָפּאָלן.

דער פאַסטעך זינגט אין הויכן גראָז
פון ליבע און הונגער:

ברכי נפשי, פאַר דער שטילער קו,
די סטאַדע פאַשעט זיך אין רו,
נאָר זייער פאַסטעך־האַר
גייט אוים פון הונגער און פון צער.

◆

דער הימל טרינקט...

דער הימל טרינקט פיאָלעטן ווײַן,
דער מאָרגנשטערן לעשט זיך אויס;
איך געניץ פויל אין בלאָסן שײַן
און טרײַב די פּי אין פעלד אַרויס.

גלעקל־קלאַנג אין פײַכטן גראָז,
די קעפּ, מען זעט זיי קוים אַרויס,
דערשראָקן גאַפט אויף מיר אַ האָז
און אפשר גאָר אַ גילגול בלויז.

געשמאַק און זאַפטיק ליגט די פּאַשע,
פריש סערווירט די גרינע לאַנקע,
ס'האָט די וועלט געענוג צו נאַשן,
שטרעקעם פרײַע זיך צו בלאַנקען.

און מיר, דעם פּאַסטעך אָן אַ העמד
איז אויך אַביסל טוי באַשערט;
אַ לאַפּטשעס־פלעכטער אין דער פרעמד —
איך זייג די ברוסט פון מאַמע־ערד.

◆

ס׳ברענען די פעלדער

ס׳ברענען די פעלדער, די סטאַדע פֿאַרשווינדט,
ס׳פֿויקן די קלאָען אין רויכיקע שטויבן,
איך לויף מיטן פֿייפֿל און שפּיל אינעם ווינט,
דעם אייגענעם צער און ווייטיק פֿאַרטויבן.

ס׳הויערן פֿי אויף פֿאַרמאַטערטע קני,
זיי ציפּן פֿאַרשלאָפֿן די נעציקע שענות
געזעטיקט מיט גראָז מעלה־גירהן די קי,
און איך האַלט נאָך ווייט ביזן סוף פֿון מיין תּענית.

איך קלאַפּטער אין טייך און סטראָגט מיך דער שוים
איבער טויזנטער מייל צו אַ היימישן ברעג,
כוועל זיצן דאָרט אונטער מיין ברודערס אַ טרוים,
פּאַשען מיין סטאַדע אין בראשית פֿון טעג.

פֿלעמלעך אין אויגן לעשן זיך פּוילע,
די סטאַדע דרימלט פֿאַרשיכורט און מיד,
אין דמיון — איך גלעט מיינע שעפּסן אין פּוילן
און שפּיל זיי פֿון ווייטן אַ פּאַסטעך־ליד.

◆

נאַכט

די סטאַדע קילט זיך אויפֿן זאַמד
בייכיק זאַט מיט טוי און גראָז,
די נאַכט אין סטעפּ — אַ שוואַרצער ים,
דער פּאַסטעך ריכט איצט אָן חצות.

לבנות ציטערן אין טייך,
ליל־שימורים — אין הוילן פֿעלד,
אַ שטערן אויסגעצערט און בלייך
וואָגלט אין אַ פֿרעמדע וועלט.

דער פּאַסטעך זינגט מיט שטומע לידער
איינגעצנורעט אין בלויען סוד,
די סטאַדע קניט פֿאַר אים אַנידער
און דרימלט איין אויף גאָטס באַטראַט.

◆

אין זיין חומשדיק געצעלט

אין זיין חומשדיק געצעלט
וואָס קען ער ניט אין רו אַנטשלאָפֿן?
ער הערט ווי עפּעס שרייט אין פֿעלד,
די נאַכט איז שטום, די וועגן אָפֿן.

ערגעץ שפּרייזט אַרום די שרעק,
און לויערט ווי אַ סאָווע, וואַך;
דער פּאַסטעך טראָגט זיין האַרץ אַוועק —
אַ קרבן עולה אין דער נאַכט.

די סטאַדע לעקט די שוואַרצע פּריד
און טוליעט צו דער נאַכט זיך צו,
זי האָט דערקענט דעם פּאַסטעכס טריט,
און דרימלט איין אין שטילער רו.

◆

אין ווינט

אין ווינט שלאָפט מיין ברעזענטן געצעלט,
די מעש־לבנה ווי אַ פּאַסטעך וואַכט,
ס׳דרימלען די פּי אין אָפענעם פעלד
מיט מידע שטערן אין דער בלינדער נאַכט.

און די נאַכט ווי אַ מאַמע וויגט די סטאַדע,
זי שוועבט אַ באָרוועסע איבערן סטעפּ;
דעם פּאַסטעך חלומט זיך אוודאי
זיין מאַמעס טריט אויף בוידעם־טרעפּ.

אַ חלום מוז האָבן בלויע פליגל,
דעם פּאַסטעכס האַרץ פליט ווייט אוועק,
וואו ס׳איז אין פינצטערניש אַנטשוויגן
דאָס לאַנד פון זינגענדיקע טעג.

◆

וועלף

פּאַספּערנע אויגן ווי שטערן
יאָגן זיך ווילדע אין סטעפּ,
הונגעריק צינדן זיך אויגן
און לויפן אַרום אַנע קעפּ.

די קי האָבן באַלד אין די פונקען
געאַנט אין דער נאַכט אַ סכנה,
און האָבן מיט פּחד געשטעלט זיך
אַנטקעגן דער שיין פון לבנה.

נאָר ס׳האָט פון געצעלט זיך געטראָגן
אין שטילקייט דעם פּאַסטעכס אַ ליד;
די סטאַדע האָט מער ניט קיין מורא,
מיט זיי איז אַ פּאַסטעך וואָס היט.

דאָ אינעם סטעפּ קען אַ פּאַסטעך
דאָס וועלפישע וואויען דערהערן;
— ניט לאָזן אַ סטאַדע אויף הפקר
ווען ס׳שווייגן פאַרגליווערט די שטערן.

בוראַנעס

אויגן טרויעריקע גלאָצן אין די שטאַלן,
ס'איז אַ שניי אַ ווילדער אָנגעפאַלן.

הפקרדיקע, בושעווען בוראַנעס,
ס'זיינען וועלף אין פעלדער היינט די פּאַנעס.

פאַלן קראָען, טויטע פון די ביימער,
דורכן קוימען בלאָזט דער ווינט מיט אימה.

פּויערים אין שעפּסענע טולופּן
לעבער אין די ווענט מיט זעק פאַרשטופּן.

אין טומאַנעס גרויע בלאָנקעט זיך אַ שליטן,
גאָט זאָל אונדז באַשערעמען, באַהיטן.

הינטער ווייסע בערג פאַרשאָטן ליגט דער היי,
מיר טראָגן זיך אין סטעפּ דורך פראָסטיקן זאַווײ.

ס'פייפט דער ווינט מיט הונגעריקן וועלף-געקלאַג,
נאָר מיר איז וואויל, איך האָב אַ סוכאַרע און קיפּיאַטאָק.

◆

פאַסטאָראַל

שיר — אַ געזאַנג,
אַ פּייפּל שפּיל
אין סטעפּ.

ער און זי —
באַנאַנד אַזוי — אין גראָז
די קעפּ,
קערפּער שווערע
צוגעקלעפּט.
דער הימל גליט,
ציטער־ציט,
— באַגער.

ער:

— ביסט זיס אַזוי
ווי בלעטער־זאַפּט
אין וואַלד,
בלימל־גראָז, פריש
באַטלט
— זיעלע,
פּעטקיעלע.

זי:

און איך, צו דיר איך גאַר
אין ראָזעווען קאַיאָר,
מיין שור־הבר
מיין פּאָר, מיין האַר.

ער און זי,
— פֿאַרבענקט,
אין בראשית־גלי,
באַריר,
באַלעקונג,
דערוועקונג,
הערנער־שטויס, שטראַלן־בלענד
קנאה ברענט.

לוסט,
רויזן־ווילד,
שפּיל אין קוסט;
רוי,
אין וואָלקנגרוי
פֿאַרחלשט.
גלעקל־קלאַנג, פֿעלד געזאַנג,
דראַנג, דראַנג, דראַנג.

ער:

קום אַראָפּ, ווייספּלעקיקע,
אין ווילדן ראָוו,
אין איינגעהייצטן שלאָף,
מיין פלאַטערדיקער מין,
שיכורע, אָן זין,
מיט מיר —
פון פּאַסטעכס כיטרע אויג
אַנטרין.

זי:

טראָג מיך אויף די הערנער,
גיגאַנט-געוויטער;
איך גיי אוים, כ'ווער פאַרברענט
אין דיין תאווה-ציטער.

ער און זי —
חתן-כלה אויף די קני,
גסיסה-פלי,
באַהאָפטונג-גלי.

אין גרינעם טייך, בייכיק מיד,
שווימט די סטאַדע;
דער פּאַסטעך אויפן פייפל
שפּילט אַ סערענאַדע.

◆

דורשטיקע שאָף

איך בין דער וואַנדער־פּאַסטעך
פון דורשטיקע שאָף,
אויף שטראָזן מיר ציען צום מאָכיקן ברונעם
פון געצערטלטן שלאָף.

מיד, תפילהדיק שטום,
מיט דער סטאַדע איך הויער;
אויפן רויכיקן ברעג
ניגונט, נאָגט שעפּסענער טרויער.

אויף װעגן שטויביקע
מיר וואַנדערן אַהין,
וואו ס'פרילינגט אין טוי
בלויער שלאָף;

קאַלט —
ביי אַ ברונעם אַ מאָכיקן
וואַרט די מאַמע אויפן פּאַסטעך
מיט זיינע דורשטיקע שאָף.

אַ טאָרבע לידער

כ׳האָב אָפּגעשפּאָרט אַ טאָרבע לידער,
אַ צויבער פליִיט, אַ פאַרלוירענע שעפּ;
אין גרויען נעפּל דער טאָג גייט אוים —
מיטן פאַסטעך ליד אין נאַקעטן סטעפּ.

אין געדראַנג, כ׳טוליע זיך צו מיינע שאָף,
הילפלאָז גלאָצן תפילהדיקע בליקן;
אין גרינע אויגן היימישער טרויער
וואַלגערט זיך אָן אַ תיקון.

הינטערן באַרג די שעפסן דאַווענען,
חסידיש, זיי דורשטן צום קוואַליקן שפּיגל,
וואַרטן מידע אויפן בראַצלאַווער פויגל
וואָס נידערט אַראָפּ מיט שאָטנדיקע פליגל.

אַז דער פאַסטעך אין וועלדל שפּינט זיינע גראַמען
מאַכט ער אין הימל אַ רושם;
קומען זיך אַלע אין שולהויף צוזאַמען
צאַן קדושים.

◆

דער קריפּלבוים

דעם קריפּלבוים כ׳דערקען אין סומנעם פעלד,
מיין חבר — טרוקן, אויסגעצערט;
ער האָט מיט מיר אין דער ווייטער פרעמד
מיט ביטערקרויט און בענקשאַפט זיך גענערט.

דער פאַסטעך איז אונטערן קריפּלבוים פאַרקראָכן
האָבן אים בינען ווילדע געשטאָכן;
האָניק־גאָלד רינט פון צווייגן געפלעכט,
און פאַרזיסן דעם אומעט אין די הוילע נעכט.

נאָר דער פאַסטעך ווי אַ שעפּס
צו דער עקדה געבונדן
וועט פיבערן אַליין פון צעשטאָכענע וואונדן.

ווער קען גרייכן די וואָרצלען פון תהומיקן שווייגן?
דער נזיר־בוים מיט געפלאָכטענע צווייגן
האָט מיר אַנטפּלעקט דעם גזר־דין הארבן:
ניין, גאָט וועט ניט לאָזן אים שטאַרבן.

◆

קדמון־ליד

איך זוך נאָך אַלץ אין זילבער־בלויען חלום־וועג
דאָס ווייטע קדמון־ליד פון תאווה־גליק און שקיעה־סוף,
ווען אדם׳ס קינד געצערטלט האָט נאָך זיינע מילדע שאָף,
אין יענעם טאָג דעם ליכטיקסטן פון אַלע טעג.

ווען איבער לאַנען געפּאַליעט האָט זיך הבלס צאַרט געמיט,
נאָר דעם שטילן טרויער ניגון נישט געקענט פאַרדייען
האָט אין קראָפּעווע זיין קנאהדיקער ברודער, קין,
וואָס געוווי און יאָמער־האַס האָט אין זיינע אָדערן געבריט.

געטויט אין ווילדגראָז ליגט דער זינגענדיקער טרובאַדור,
אין פּיין גייט אוים דער טאָג דער ליכטיקסטער פון אַלע טעג;
אַ פויגל פון גן עדן איז מיטן פלאַטערדיקן קדמון־ליד אַוועק.

ביז היינט ער טראָגט זיך מיט געזאַנג און געטלעכן לאַזור;
נאָר איך זוך נאָך אַלץ דעם בראשיתדיקן קוואַל־עקסטאַז
פון תפילהדיקן זינג־געמיט און צאַפּלדיקן קין־האַס.

דאָס לעצטע שעפּסעלע

איך בין דער לעצט-געראַטעוועטער שעפּס פון יענער סטאַדע,
אין טאָג וואָס איז אין פייער-פלאַם געוואָרן פאַרצערט,
מיטן זינגענדיקן האַרץ צעקרישלט אויף דער ערד,
ווען דער פּאַסטעך האָט געשפּילט אַ ליבע-סערענאַדע.

דער צויבער-ניגון שטראַלט אין פּורפּור-לאַבירינט,
ניט דאָס שעפּסל נאָר דער פּאַסטעך איז דער קרבן-עולה;
ס'טרויערן די ווייסע בערג, די ברייטע סטעפּעס, הוילע,
דאָס קינד איז טויט. די האָר צעפלויגן אינעם ווינט.

איך בין דאָס לעצטע שעפּסעלע פון הבלס שאָף,
אין טאָג ווען סאיז דאָס קדמון-ליד פאַרשוואונדן פון זיין מויל,
און זיין סטאַדע האָט געמעלה-גיירעט, פויל.

פאַרפייניקט ליגט דאָס פּאַסטעך-קינד ביז היינט אין שלאָף,
און איך זוך דעם פויגל מיטן ליד אין שנאָבל, ווילד,
וואָס פליט אַן אייביקער אַרום אין טרויער איינגעהילט.

◆

דער גן־עדן פויגל

דורך זיבן הימלען שניידט זיך שאַרף מיט פליגל־ציטער
דער גן־עדן פויגל מיט אין־סופיקע בראשית־קלאַנגען,
פון יענעם וואונדער־טאָג וואָס איז בלוטיק אויסגעגאַנגען,
מיטן הבל־ליד ער פליט אַוועק אין ווינטיקן געוויטער.

דער דאָרן אונטן אויסגעברענט, אין מדבר־גאָלד פאַרזונקען,
ער קרייזט אַרום גיגאַנטן־בערג — שלאָפנדיקע געטער;
— איך פלי מיט אים, איך זוך די נעסט צעבלעטערט,
דעם זילבער־קוואַל וואו מיין סטאַדע דורשטיק האָט געטרונקען.

נאָר קומען וועט דער טאָג דער ליכטיקסטער פון טעג צוריק
צום לעצטן דעמב־געקרויז, דעם זילבער קוואַל פון ערשטן ניגון;
דער גן־עדן פויגל וועט דאָס מידע שעפסעלע פאַרוויגן,
וועלן אויפשטיין אַלע פאַסטעך־קינדער פון קינען דערשטיקט,
בלוטיקע אויף הבלס פעלד וועלן בליען רויטע בלומען,
אין טאָג דעם ליכטיקסטן פון טעג ווען סוועט משיח קומען.

◆

בענק ניט צוריק

לאָמיר שליסןביידע א חלום-בונד
אויפן פּאַשע-פּעלד,
לאָמיר זיךאיינוויקלען אין וואַנדער-שמאַטעס
מיט צעריסענע שיך
און אַוועקוואָגלען פון זיך.
אויף די ווייסע וואָלקנס שווימען אַוועק
נעכטיקע כאַטעס
מיט אונדזער האָב און גליק ;
בענק ניט צוריק.

איך באַשווער דיך, בענק ניט צוריק ;
וועסט לערנען פון יונגע ליפּעס
קאָרע שיילן,
לאַפּטשעס פלעכטן פאַר מידע פיס,
מיט קאָנאָפּליעס ווילדע זיך פאַרגאַרטלען,
מיט קרישקעס הונגער זיך טיילן,
מיטן לייב אָן העמד
וועלן מיר די סטאַדע פיטערן אין דער פרעמד.
לאָמיר טובלען אונדזער טרויער
אין דער גרינער שקיעה פון שעפּעלעס בליק,
בענק ניט צוריק.

ניין, בענק ניט צוריק,
פאַרטויב שיר־השירימדיקן עכאָ,
דיין ליבע איז רויך, אָפּגנאַרט, אָן זין;
פאַרלעש דיין רויטן הימל,
וואָס האָט גערעגנבויגנט פאַרן מענטשן־מין.
געפינסט אַ פייער־פונק,
באַהאַלט אין פערד־צואה
פאַר מיין ברענענדיקן דאָרן
אַ פאַרגעסענעם קאַרטאָפל בראָטן.
מיר וועלן לעבן בלייבן,
איך — אנכי, און דו — מיין שאָטן.
ערגעץ ווייט הענגען אונדזערע בלויע טעג
אויף אַ שטריק,
בענק ניט צוריק.

בענק ניט צוריק, ס'לוינט ניט.
מיט דער סטאַדע שאָף,
און מיט דיינע שטומע לידער,
וועלן מיר — פאַסטעכער אין פרעמדן פעלד —
חלומען אין צלם־אלקים פאַרשטעלט:
דו — פליט פון ברענענדיקן פוילן,
איך — כביכול, וואָס בין אַנטלאָפן פון דער וועלט.
אין תהו ובהו
זינקט אונדזער ליכטיקע בריק,
איך באַשווער דיך, בענק ניט צוריק.

1977

◆

אין חלום בלויז

ביים ברעג פון דער נאַכט
פֿאַרוויגט,
אויף אָפּגעקילטן זאַמד
מיין סטאַדע שלאָפֿט.

אויף יענער זייט,
אין בונקער־נאַכט פֿאַרצאַמט,
אין נעפּל־בלוי פֿאַרשפּינט,
אַ קינד
צווישן געטאָ־שאָף פֿאַרשווינדט.

— אויגן גליאיקע בלויז
שטערן צוויי
בענקען נאָך אַרויס.

גיי, פּאַסטעך־שאָטן,
לעבעדיק — מיין קינד זוך אויס.

ווער פלאַטערט אין דער נאַכט,
פֿאַרנורעט דעם גרויען קאָפּ אין שוים?
מיט איר לעצט געוויין
מיין מאַמע וויינט.
אויף אַ שטיין זי וואַרט
ביים גרוז פון אונדזער הויז
אין חורבן אליין.
גיי — פּאַסטעך־שאָטן,
זוך מיין מאַמע אויס.

ווער יאָגט זיך הין און קריק
אין דער נאַכט פֿאַרפּלאָנטערט?

דאָס לויפֿט מײַן טאַטע אַזוי
אין רויכיקן געוועב,
מײַן שוועסטער פֿרומעטל
אויף פֿאַרברענטע טרעפּ;
מײַנע ברידער שטורעמען, רײַסן זיך אַרויס;
גײַ, מײַן פֿאַסטעך־שאָטן,
זוך זיי אויס.

בײַם ברעג פֿון דער נאַכט
ווער פֿיבערט אויף יענער זײַט ראָוו?

דאָס בין איך,
דער פֿאַסטעך־שאָטן אַליין
וואָס זוכט זײַנע געטאָ־שאָף.

מײַן קינד,
אין נעפּל־בלוי פֿאַרשפּינט;
מײַן מאַמע
וואָס זיצט אויפֿן שטיין,
מײַן טאַטע אין רויכיקן געוועב,
מײַן שוועסטער אויף פֿאַרברענטע טרעפּ,
מײַנע ברידער
וואָס רײַסן זיך אַרויס!

אין חלום בלויז,
אין חלום בלויז
איך זוך זיי אַלע אויס.

◆

נאַכט־געזאַנג אין דאָרף

ציִען זיך אין דאָרף די טעג אָן אַ זייגער, אָן קאַלענדער,
ס'איז אפשר גאָר יום־כיפּור היינט, איך הונגער מיט דער עדה,
דער הימל פּלאַמט, מען פירט אַ שטאָט צו דער עקדה
פון מיין היים וועט אַ חלום בלייבן, אַ לעגענדע.

אין רויטער שקיעה, וועלדער, שווייגנדיקע, זינקען,
נאַכט־געזאַנג וויגט זיך איבער פאַליעדיקע לאַנען;
אין יענער נאַכט אין פּוילן, האָבן שוין געיאָגט די באַנען
מיט מיינע עלטערן פאַרפּייניקט אין טרעבלינקע.

נאָך היינט איך הער, ניקיטאַ שפּילט אויף אַ גאַרמאָשע,
כאַטעס קליינע נידערן אין מרה־שחורה,
ס'האָט יעדע מאַמע אַ זון אויפן פראָנט פאַרלוירן;

נאָר אַ פריילעכער אויף דער שוועל איז איצט פּראַקאָשי
פון קריג זיין בן־יחיד וועט אַהיימקומען געשווינד,
און איך וועל אַהיימקומען צום קלאָגנדיק ווינד.

◆

די האַרבסטיקע רו

אור־סוד פֿאַרטייעט אין האַרץ פֿון דער טייגע,
איך הער בלויז אַן עכאָ פֿון אייגענעם שווייגן.

ביימער געטוליעט וויגן זיך ברוינע,
ס׳פֿלאַקערט דער הימל אויף פּורפּורנע קרוינען.

די כאַטעס באַשירעמט פֿון אַלטע איקאָנעס,
נאָר איבער די דעכער קלאָגן וואָראָנעס.

ליכטיקע כמאַרעס געטריבן פֿון ווינט,
הייזעריק וואויען צעיוכעטע הינט.

מיר דוכט עפּעס פּויזעט אין טונקעלן ראָוו,
נאָר שווער צו דערקענען — אַ וואָלף צי אַ שאָף.

איך זע דיך באַהאַלטן אין רויכיקע קנוילן,
ס׳פֿיבערן קינדער פֿאַרבונקערט אין פּוילן.

אין אַנגסטיקן שאָטן כ׳דערקען דיין געשטאַלט,
דיין שעפּטשען אין בלעטער־געפּליסטער פֿון וואַלד.

ווי דעמאָלט ווען ס׳האָבן זיך בליקן געזעגנט,
דער האַרבסט האָט מיט קללות און טרערן גערעגנט.

אַ חלום פֿאַרוויאַנעט מיט דיר כ׳האָב געלאָזן,
ער הענגט אויף די צווייגן פֿון ווייסע בעריאָזן.

אין קראַמף גייען אוים דיינע טעג ערגעץ וואו,
און אין מיר ווערט פֿאַרברענט די האַרבסטיקע רו.

◆

מיר זינגט אין זכרון

כ׳דערקען זיי אין חלום די מילדע טשוואַשן מיט פּראָסטיקע בערד,
שיקסעס אין טיכער געהילטע אין גרויע פּופּייקעס פאַרגאַרטלט,
מיר זינגט אין זכרון דאָס לשון פון פּויערטעס צאַרטע,
פוגאַטשעווּ-שטאָס פאַרוואָרצלט אין רוסישע ערד.

איקאָנעס אויף ווענט שטאַרן געהייליקט און שטום,
ביים אויוון פאַרוויגט מיט אַ מאַמקע אַ קינד ליגט אין וויג;
ווער ווייסט צי איך האָב נאָך אַהיים און אַ וועג אויף צוריק,
ניט איך, נאָר מיין שאָטן בלאָנקעט זיך איבעריק אַרום.

בוראַנעס צעווילדעטע קלאָגן צעטראָגן דעם שטילן קאָלכאָז,
אויף נאַקעטע דעמבעס הענגען אייזיקע סנאָפּעס, פון גלאָז,
אין ווינט אַ געפרוירענער שרייט — ראַטעווע, העלף.
ס׳פרעגן צערקוועעס — זקנות מיט פליכיקע רונדיקע קעפּ,
וואָס טוען דאָ יידישע פלטים אין קאַלטן קאַצאַפּישן סטעפּ,
פאַרפלאָנטערט אין הונגער-געוווי פון מענטשן און וועלף.

◆

רוסישע מאַמעס

אין באַקלאַנאָווקער דאָרף סטערטשען אַרויס פאַריתומטע כאַטעס,
ס׳וויינען די פעלדער פאַרהוילן אין ווייסע טומאַנעס,
כאַזייקעס גייען אַרום מיט אומעט פון יידישע מאַמעס,
זיי גאַפן אויף מיר, א פאַרהונגערטן גר, פאַרוויקלט אין שמאַטעס.

אין מיינע דערשראָקענע אויגן זיי זעען מסתמא
אייגענע קינדער געטריבן אויף פרעמדע האָריזאָנטן,
פאַרמוטשעטע זין מיט ביקסן אויף בלוטיקע פראָנטן,
און איך — אין זייערע טרערן דערקען מיין פאַרצווייפלטע מאמע.

איך זוך מיין אכסניה אין דאָרף אַריבער דער וואָלגע,
פאַרלאַפּטשעטע פיס אין שניי, מיינע שפּורן איך האָב ניט פאַרלאָרן,
אויף באַקלאַנאָווקער וועגן חלומען קליינע כוטאָרן;
רוסישע מאַמעס, ליכטיקע עכאָס, ביז היינט מיך פאַרפאָלגן,
גוט זיינען מענטשן אין צער, מען טיילט זיך מיט איטלעכן קריש,
און געטלעכער חסד עסט מיט ביי דעם אָרעמען טיש.

◆

די לאַנגע נאַכט

די לאַנגע נאַכט

דורך די קראַטן טריפט אַריין דאָס לעצט ביסל בלוי,
מיר זופּן שווייגנדיק די לופט, פאַרסמט און הייס,
אויף מאָכיקע קעלער־ווענט רינט אַראָפּ דער שווייס,
און מיר זינגען דורשטיקע פון זון און טוי.

איך וויש דעם שטערן מיט אַ צעריסן העמד,
חברים טיילן זיך מיט צער און טוכלע קאַשע,
מיט וועכטער קללות און מיט דער איינציקער פּאַראַשע,
און מיר זינגען טרויעריק פאַרקלעמט.

אַ יינגל וויינט, און ס׳וויינט מיט אים די וועלט
נאָר קיינער הערט ניט סיוווי סיי,
שאָטן־פּים אין דרויסן שאַרן זיך פאַרביי.
אין דער פאַרפּראַלטער טיר אַ וועכטער קלאַפּט און שעלט;
דורך די קראַטן אַ פויגל קוקט אַריין און לאַכט,
נאָר אין מיר אינסופיק וויינט די לאַנגע נאַכט.

◆

איך בין פון פליען מיד

צו פושקינען דעם אוזניק

אין נאַסן תפיסה־קעלער, ווי דו איך בין פאַרשפאַרט,
ניט קיין יונגער אָדלער, נאָר אַ שוואַכע טויב, פאַראַטן,
אַ געפאַנגענער וואָס שטיקט זיך הינטער קראַטן,
אויף דיין שטורעם־פויגל אויסגעשעפּט איך וואַרט.

אין פינצטערניש איך זע דעם צאַפּלדיקן פויגל פרייען:
מיט רויב אין שנאָבל זאָל ער שטורעמען זיך רייסן
איבער וואָלקן־בערג אין אָדלער־לאַנד דעם שנייאיק ווייסן,
מיט דיר אַנטרינען כ׳וועל מיט מיינע לעצטע אַנגסט־געשרייען.

נאָר דיינע ליכטיקע לאַזורן זיינען עפּעס אויסגערונען,
זיי דעמערן און גייען אויס הינטער מיינע קראַטן,
מיין פיבערן אין שפּין־געוועב האָט סיי־ווי ניט קיין זינען.

פאַרביי דער שטורעם פויגל מיט זיין בלוט־גערויב,
איך בין פון פליען מיד און אָפּגעשטאַנען פון דער טשאַטע,
אין נאַסן תפיסה־קעלער קאָרטשעט זיך אַ טרויעריקע טויב.

◆

אָפּגעריסן

אָפּגעריסן פון דער היים האָט מיך דער הפקר־ווינט,
ס׳איז מיין גורל נאָכגעלאָפן אַ געביל פון הינט,

ס׳ווינט מיין שטעטל הינטער באַרג, אַ פאַרקלערטע, צאַרטע ;
טרויערט אויפן לעצטן בוים מיט צווייגן אָפּגעדאַרטע.

דיין בלויער הימל ברענט, ראַטעווע זיך גאָט !
אַנטלויף מיט מיר אַוועק אויף דיין געפּייניקטן בראָט.

ווי אַ בעטלער מיט מיין אומעט שלעפּ איך זיך אַ בלינדער,
מאַמע־ערד, וואָס איז געוואָרן פון דיינע קלוגע קינדער.

אויף וועגן בלוטיקע, דערשראָקן וואַנדער איך אַרום,
— אַ תפיסה־וועלט, מיט לאַגערן און זומפּן, אומעטום,

אַ הונגעריקער שאָטן — פון ווייטן אוכטאַ־לאַגער,
מיט לידער־רעפּטלעך אין זיין טאָרבע שלעפּט זיך אַ בראָדיאַגע.

ווילדע פרעגנדיקע אויגן, מיט אַ צעריסן העמד,
שניי־טומאַנעס אין דער נאַכט און אין דער פוסטער פרעמד.

איבער מיר וויגן זיך פּראָסטיקע טאָפּאָלן,
הייל מיר מיינע פיס, פאַרוואונדיקע, געשוואָלן.

אַ שטערן פאַלט אַריין אין שניי און זינקט אין ווייסן סטעפּ,
ווי מיינע תפילות מיד־געפרוירענע און אויסגעשעפּט.

אַזוי פאַרוואָגלט מיט מיין טרויער, מיט מיין סוד פאַרהוילן
וואָגלט מיט מיר מיט מיין ווייטע ברענענדיקע פּוילן.

◆

אַן אָדע צו אַ רעפּטל ברויט

ברויט,
אויסגעוווייקט אין טרערן, איינגעהילט אין שטויב,
כ׳וואַרט ביים פענצטערל, אַ בעטלער־טויב,
מיט הענט געפרוירענע, צעבלויט,
אויף אַ רעפּטל ברויט.

כ׳בין היינט אין קאַלטן מיסט אַ הונגעריקער שפּערל;
נעם דיר מיינע ליבעס, קאַכיקע באַגערן,
מיט אַלץ וואָס כ׳האָב באַזונגען און געטרויט
פאַר אַ רעפּטל ברויט.

אויף וועגן שטעכיקע מיט פיס־געשוואָלן,
כ׳האָב אויסגעביטן היינט מיין צויבער חלום
פאַר אַ טעפּל וואַסער־זופּ מיט קרויט
און אַ רעפּטל ברויט.

ברויט,
פאַר דיר כ׳בייג מיין שטאָלצן קאָפּ,
אויף מיינע קני געבראָכענע כ׳לאָז זיך אַראָפּ;
ס׳בעט אַ קינד אין שאָטנטאָל פון טויט —
אַ רעפּטל ברויט.

ברויט
אין אויסגעטראַכטן גאָרטן וועל איך פּויזן,
שענקען דיר אַ בוקעט זאַטע רויזן,
חלומען ביים ראַנד פון מעריב־רויט
פון אַ רעפּטל ברויט.
אַ רעפּטל ברויט.

◆

הונגעריקע סטאַדע

מיר זיינען אַ סטאַדע הונגעריקע שאָף
אויף אויסגעצייפּטע לאַנען,
דער פּאַסטעך האָט מער ניט קיין פּיטערפלאַץ,
גראָזן וויאַנען.
מיר זיינען אַ סטאַדע פאַרחלשטע שאָף,
אויף הפקר־שטראָזן געטריבענע,
לאָמיר זיך טיילן מיט ברעקלעך געקליבענע
אין גאָטס הונגער־טאָל,
איידער ס'וועט מיט דער שקיעה נידערן
דער טונקל בלויער סוף.

מיר זיינען אַ סטאַדע הונגעריקע שאָף.

דער פּאַסטעך האָט מער ניט קיין פּיטערפלאַץ,
ער טראָגט אין געלאַטעטע טאָרבע
אַ ליידיקע פלאַש,
ס'ברענט אוים זיין רו אויפן גליאיקן זאַמד;
מיר צאַנקען אין אַש.

◆

לאָמיר זיך טיילן

לאָמיר זיך טיילן מיטן קרוכלע ביסן
ראַטעווען ס'האַרץ פון הונגער זומפּ;
אַ דינער שטראַל וועט אַריינטריפן מיט חסד
דורך אַ שפּאַרע.
לאָמיר זיך טיילן מיטן ביסל גרויפּן־זופּ
און אַ סוכאַרע.
נעם חבר, אַ קריש;
צוויי ליכטיקע סקעלעטן עסן פון איין שיסל,
און גאָט ברוך הוא איז דער דריטער ביים טיש.

◆

אַ הונגעריקער פויגל

כ׳בין היינט אַ הונגעריקער פויגל
וואָס טראָגט זיך איבער פאַרנעפּלטע שטראָזן
מיט ווינט-געוויין,
און מיטן ליד וואָס דער זאַטער וועט ניט פאַרשטיין.
אונדזערע טרוימען פּיאַלעטע זיינען געוואָרן צערינען
אין מיסטיקן געווימל,
קללה מבולט פון הימל.

דער הונגער האָט אויסגעזויגן אונדזערע אמונות,
צעפּרעסן אונדזערע וואונדיקע לייבער.

אַ הונגעריקער פרינץ וואָגלט איבער טרוקענע פלוינען,
אין קויט וואַלגערן זיך אונדזערע קרוינען.

◆

אַ תפילה פון אַ הונגעריקן

גאָט, מיין אַליין, מיין פעלז און רעטונג;
ענטפער פון דיינע פאַרבאַרגענישן,
לייען מיינע טרוקענע אויגן, פאַרווירטע,
וואָס פאַרשטייען ניט דיין שטראָף;
אַז דו האָסט מיך אויסגעגליכן מיט אַ שאָף
זאָל איך ראוי זיין צום שעפעלעס צער.
פיר מיך מיט חסד איבער זומפן און קויט,
ס׳זאָלן מיינע אויגן הונגעריקע ניט פאַרצערן
מיין ברודערס שטיקל ברויט.

זע, דעם געדראַנג פון שאָטנס אין שניי,
שטעל זיך מיט אין ריי, און פריער,
וועל איך זיך טרייסטן אינאיינעם מיט דיר.

◆

אין לאַגער שפּיטאָל

אויפֿן ליילעך וויאַנעט זיין געזיכט,
אין אויגן־ליכט
גליען בריענדיקע קוילן.
פֿאַרגעס ניט, פֿריינט,
לאָדזש,
זשעראָמסקי אַכצן,
פּוילן.

מיין מאַמע וואָרט,
דערצייל:
אין וויסן לאַגער־פֿעלד
וואַקסן העלצער אָנשטאָט נעמען;
איך בין אַ נאָמען,
איך בין — איך,
מיין מאַמע וואָרט אויף מיר
ווי אויף משיח.

פֿאַרגעס ניט, פֿריינט,
דעם וויסן לאַגער־פֿעלד.

— — — — — — — — — —

כ'האָב זיין מאַמע ניט געטראָפֿן
דערצייל איך עס דער וועלט.

◆

פאַרשיקונג

ס'איז ליב מיר דער טרויער, וואָס דרעמלט אין טייגע,
וואָס הויערט אין ווייסן אין־סופיקן שווייגן,
אַ דעמב אויפן ברעג פון געפראָרענעם טייכל,
אַ הימלאָזע נאַכט, אירע שטערנדלעך בלייכע;
דער סטעפּ און די רו פון אַ דאָרפישער כאַטע,
דאָס בענקען, וואָס האָט מיך גענאָגט און געמאַטערט
דיך יאָגט מען אין היימישער ווייט צווישן פלאַמען
און איך בין מיט דיר נאָר אין בענקען צוזאַמען.
האָסט אָפטמאָל פון קבר אַרויס מיך געריסן
ווען דו האָסט באַשערט מיר אַ חלום אַ זיסן;
געטריבן אין שנייען פון וואַלדיקן צפון
בין איך כאָטש פון טויט ניט אינגאַנצן אַנטלאָפן,
און האָב ניט דיין גורל אינגאַנצן פאַרמיטן
ווען דו האָסט אין פינצטערן פוילן געליטן
די רו וואָלט סיי־ווי מיר געווען נאָר אַ לאַסט,
בעסער שוין הונגער און קללה און האַס
דער וועכטער, דער הונט און די אייזיקע קריע —
דער פּיין איז פאַר מיר איצט אַ טרייסט און אַ זכיה.

1949

אין סיביר

געהייליקט דעם אָנדענק פון די
אומגעבראַכטע סאָוועטישע דיכטער

צפון־טייך, געפרוירן אייז,
שלאָפן וועלדער, קאַלט און ווייס.

שניידט דער פראָסט, דאָס פּנים ברענט,
רייסן, בריען פּיס און הענט.

איבער סטעפּעס — שניי־טומאַנען
אויסגעמאַטערטע מיר שפּאַנען.

איינגעוויקלטע אין שמאַטעס,
אָן היימען, און אָן כאַטעס.

טרייבט דער וואַיעדניקער ווינט,
אויף די קייטן בילן הינט.

זאַווערוכעס, וויסטע קעלטן,
בייזע וועכטער שעלטן, שעלטן.

אין די לאַגערן סיבירער
גליט דער חלום פון מאַרטירער.

ווי אַ סאָסנע־בוים אין וואַלד —
אויפן שניי אַ דיכטער פאַלט.

שטורעם־פויגל, ווילד און פריי,
טראָגן זאָל זיך דיין געשריי

מיטן דיכטערס לעצטע ליד:
איך בין אַ ייִד, איך בין אַ ייִד.

◆

אויף פרעמד-ווייסע וועגן

וואוהין גייען מיר, אַ שטום-געטריבענע בריגאַדע
אויף פרעמד-ווייסע וועגן, זקנים און יונגע?
פאַרוויקלט אין שמאַטעס — אַ גרויע מענטשנסטאַדע,
וואו שלעפּן זיך געפּייניקטע, געשוואָלענע פון הונגער?

מיר טוליען זיך אינאיינעם אין טיכער איינגעהילטע,
און רייסן זיך אַריין אין וואַיענדיקן ווינט;
וועכטער אין וואוילאַקעס מיט ביקסן אָנגעצילטע,
— פּראַסטיקע ילות און בילנדיקע הינט.

מיר זיינען ווי די גולמס אָן בושה און אָן ווילן,
פאַרלייזיקטע נומערן אין שמוציקע וואַגאָנען;
ס׳אַרט ניט מער דאָס שעלטן און ניט דאָס הינטיש בילן,
מיר טראַכטן פון אַ פּייקע, פון זופּ און פון טאַלאָנען.

געפּרווירענע אין וועלדער ערגעצוואו געטריבן,
פאַרגעסענע, מיר ציען מיט זעג און מיט האַק;
אין קבר-אייז פאַרקאָוועט אַ פריינט איז דאָרט געבליבן
אין שנייאיקער קאַטאָרגע פון אוכטאַ זיעמלאַג.

ערגעץ אין וואָרקוטאַ, אין אומבאַקאַנטן צפון
איך הער נאָך אין די נעכט ווי ס׳וויינען די באַראַקן,
ווי ס׳חלומען פאַרשיקטע און קענען ניט אַנטשלאָפן,
און וועכטער ווי די קראָען הייזעריקע קראַקן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

פּאָעטן שרייבן לידער אייביק-איינגעקריצטע,
פּאָעטן זינגען לידער אין רווישיקע קאַפּייען;
און איך קען ניט פאַרגעסן אַז אַפילו איצטער
טרייבט מען מענטשן-קינדער אין קאַטאָרגע שנייען.

◆

מיין גלויבן

ס'וועלן קלעזמאָרים נאָך שפּילן די לידער,
געוויקטע אין טרערן פון אונדזערע מאַמעס;
אַפילו אין קעלערן קענען זיך ווידער
פּאָעטן צעזינגען אויף יידישע גאַמעס.

ס'וועט אין דער פינצטער ניט אויסגיין מיין גלויבן,
שווייגן אין פּיין האָט זיין אייגענעם לשון,
וואָס איבער די ספערן ער וועט זיך דערהויבן
ווי לאַנג ס'זיינען שטערן דאָרט נאָך ניט פאַרלאָשן.

ס'וועט ערגעץ אַ פונק פון מיין ברענענדיק ליד
דערפליען צו דיר מיטן לעצטן באַשייד,
אַז איך האָב אין ווינט און אין פייער געגליט
מיט רינגען פון פרצנס גאָלדענע קייט.

◆

אַ פֿאַרטרערטע געשיכטע

פֿאַרגאַנגענע רגעות

פֿאַרגאַנגענע רגעות, איך וועל זיי אין כאָרן
צעוויגן מיט ניגון אין שפּיל פֿון זכרון.

אויף פֿאַרמעט באַלעבן איך וועל זיי מיט לידער,
מיין קינד זאָל זיי זינגען ווי תּפילות אין סידור.

פֿאַרוואָר, כ'בין דאָס לעצט אויסגעריסענע בלעטל
פֿון פּנקס פֿאַרברענטן אין יידישן שטעטל.

גיי איך אויף הייף מיט בדחנישע גראַמען
און זינג מיט מיין פֿידל-באַגלייטער צוזאַמען.

אין מדבר פֿון יאוש אין נאַכט פֿון געוואָקל,
וואָס איז מיר געבליבן פֿון לעצטן סך הכּל?

צוויט פֿון מיין יונגשאַפֿט אויף גאָלדענע לאָנען,
רייפֿקייט וואָס כ'האָב ניט געלאָזן פֿאַרוויאַנען.

מיצקעוויטשעס פֿלי אין לאַזורן באַרוישטע,
צעריסענע פֿליגל פֿון ליבעס אַנטוישטע.

נאָר ס'קען ניט צערינען מיין נעכטן, ווי לאַנג
ס'וועט טריפֿן אויף ליפּן דער זאַפֿטיק געזאַנג.

אין מבול דערטרונקען, אַ פֿרעמדער, פֿאַרוואָלגערט,
חלומט מיין חלום אויף יענער זייט פֿרגוד.

פֿון אונטערן גרוז מיין פֿאַרשיקטן גלויבן
איך גראַב צוריק אויס מער געלייטערט, דערהויבן.

◆

דאַנציג

אויף יענער זייט ים שווימט מיין זכרון צוריק
אויף אַ זעגל־שיף צום דאַנציגער האַפן.
כ׳דערקען דעם אָפּגעבליאַקעוועטן דאַם,
די זעלבע טויבן אויף שיפּע דעכער גאַפן.

מאַיעסטעטיש שווייגן שאַטנדיקע גאַסן
נישן אויף די באַראָק־הייזער וועקן זיך געלאַסן
מיט אַ געפרוּווירענעם „גוטן טאָג".

אויף יענער זייט שווימט מיין זכרון צוריק
צו אַן אַלטמאָדישער בריק
מיט מיין טאַטן, פון מעשה אַלפס, דעם סוחר
וואָס איז געקומען קיין דאַנציג קויפן
דאָס גאָלדענע גליק.

אויף דער לאַנגעבריקע פּעדלען היימישע יידן
און בענקען נאָך קליינע מאַמעס,
אַלע גלאָקן וויגן זיך מיט קופּער־קלאַנגען מידע ;

דער מילכקאַנען טורעם זינקט אין מידן שלאָף,
מיט זילבער באַקנבערד שפּרייזט פּאַרכמורעט
אַ פּאַרצייטישער פילאָזאָף.

ער האָט די שיינע וועלט און „מעכט זיינע רוּע האבן"
און מיינע טויבן פּעדלען
אין אַלטשטעטישן גראַבן.

◆

יודנגאַססע

מיך ציט צו יענעם וועג אַריבער דער בריק
וואו ס׳קרייזן וויינענדיקע מעוועס
איבער נעצן צעהאָנגענע אויף שטריק.
פון דער אַלטער מויער קרישלט זיך דער טינק
ביז היינט.
איך קום צוריק. צוריק,
וואו ס׳גרינט די יודנגאַססע מיט מאָך און שימל;
כ׳דערקען מיין עלטער זיידן אין געווימל,
מיין טאַטן מיטן שפּיצנהוט,
און געלער לאַטע;
אין קליינעם פענצטערל איך זע מיין מאַמעס ווייסן שאַל,
צעוויייטיקט אויף איר קינד זי וואַרט,
יאָרן־הונדערטער זי וואַרט;
מיר דוכט, כ׳דערקען איר בלאַס געזיכט.
דער געטאָ איז געשפּאַרט
אין דער יודנגאַססע צינדן זיך שוין אָן די שבת ליכט.

פאָול בענעקע

אין ראַטהויז, זיי קוקן זיך די בלויע אויגן אוים,
די לאַנגע-גאַססע גרייט זיך צום פּאַראַד,
יעדע פרייַלין האַלט גרייט אין האַנט אַ רויז
פאַר פאול בענעקע, דעם דאַנציגער פּיראַט.

ס'וויגן זיך די ווייסע זעגלען פון דער ווייט,
די באַלטיק-כוואַליעס גייען אוים פון שרעק,
די דייטשע רויבער בורשן קומען אָן אין צייט
מיט רויטע פּנימער און אָנגערויבטע זעק.

פון ראַטהויז הערן זיך די גלאָקן קאַלטע,
פּיראַטן שיכורע זינגען אין דער נאַכט;
פאול בענעקע דער קעניג פונעם באַלטיק,
מיט וועמעס טרערן האָט ער דאַנציג רייך געמאַכט?

◆

דער הענקער

אין פייניקונגס-קעלער כ'נידער מיין קאָפּ
— זיי זאָלן ניט מערקן מיין שרעק,
דעם טרויער אין בליק באַהאַלטן;
ס'הענגט איבער מיר נאָך די האַק אַ קאַלטע,
דער טויבער קלאָץ האָט מיך דערקענט.
שאָטנס וויינען פון די נאַסע ווענט
דורך פאַרזשאַווערטע קראַטן.
דער טרויער אין בליק האָט מיך פאַראַטן.
דורכן פענצטערל שמעקט די גרינע אַליי,
ס'שווייגט די האַק בלאַנק און גרוים,
דער הענקער זיצט אין ווינקל פון מוזיי,
ער איז ניט טויט, ער דרימלט בלויז.

◆

פרעג ניט בעסער

מיין ברודער
וואַוועקן
געהייליקט.

ס'קען זיין, דו זיצט נאָך דאָרט
ביז היינט
ביי דער דאַנציגער מאַטלאַווע
מיט „טאַמאַם מאַנען";
מעווען קרייזן שרייענדיקע
איבער אַלטע טורעם קראַנען.

פון יענעם טאָג וואָס איז ווי אַ לאַמטער
אויסגעגאַנגען אין שטורעם-ווינט
האָסט זיך ניט געענדערט אַ קריש;
דיין חלום — יונג און פריש,
צעשטראַלט ווי אַ קינד.

ס'קען זיין, וועסט מיך אויך דערקענען,
דעם פאַרשפעטיקטן יאָלד
פון יענער וועלט
וואָס קומט מיט אַ בינטל האַרבסטיקן גאָלד.

נאָר אַז דו פרעגסט זיך אויפן וועלטל,
דיין פאַריתומטן פּילך-וועג,
דיינע שטערן וואָס האָבן זיך געקייקלט
אין פינצטערניש,
פרעג ניט בעסער,
סהאָט דאָרטן נאָך ניט אויפגעהערט צו טרערן,
און מענטשן האַלטן זיך אין איין פאַרצערן.

◆

ערב חורבן

ביי דעם בארג צופּוסנס, דרימלט
נאָך דער פּארק, פון אלטע יאָרן;
בלויען, בלויט דער זעלבער הימל,
ליכטיק, גאָלדיקט זיך דער קאָרן.

פון די פייכטע-גרינע טאָלן
גייען קי אהיים פון פּאשע;
ס'רוען נעסטן אויף טאָפּאָלן,
גלאָקן קלינגען: „ווּשיסטקיע נאשע".

שפּילט א בעטלער, ביחידות,
טענער קלאָגן זיך און גרוילן;
עפּעס איז דער פּארק אָן זשידעס,
עפּעס טראָגט זיך איבער פּוילן.

אויפן דאך פון א קאפּליצע
נעסטן אליץ נאָך די באָטשאנעס;
פרומע גויים אונטן זיצן,
אויף צעטראָטענע פּאָלאנעס.

א גלח איינגעהילט אין ווייסן,
בענטשט זיין גמינע פרום געבויגן;
זומער, ניינצן ניין און דרייסיק
צייטיקט שוין אין זיינע אויגן . . .

1949

מיט אַלע ווייסע שוואַנען

ווען די באַן האָט זיך גערירט פון אָרט
ביסטו געבליבן פאַרגליווערט הינטערן גאָלדענעם הארבסט;
ס׳האָבן מיך באַגלייט אין וואַנדער וועג
אויף קאַלטע בריקן
וויינענדיקע בלעטער,
שקיעהדיקע בליקן.

אַז די באַן איז אַריין אין וואַלד
איז אַ טוי־וואָלקן אויפגעגאַנגען
אויף פּוילישע לאַנען.
איצט לעשן זיך אוים די פּיאָלעטן
און דו שווימסט אַריין אין דער נאַכט
מיט אַלע ווייסע שוואַנען.

◆

איך שיף זיך אַריבער

איך שיף זיך אַריבער צום אַנדערן ברעג,
מיט אויגן פינצטערע גאַפּיעט די נאַכט,
איך צייל אין טייך די שטערן
און קען ניט איבערציילן וויפל.

אויפן נאַכטיקן „בוג" פּלאַטערט מיין שיפל.
איך האָב מיין וועלט
— אַ טרויעריק־צעשטראַלטע,
געלאָזן אויף יענערזייט ברעג;
אַ בלאַסער עכאָ פון מיינע נעכטנס
שיפט זיך מיט
אויף מיין גורלדיקן וועג.

◆

אויף דער אַרישער זייט

אליהו איז אויף דער אַרישער זייט אַוועק,
אפשר איז נאָך דאָרט אַ יידיש קינד פאַראַנען
וואָס באַהאַלט זיינע טרערן אין שרעק
ווי אַמאָל — באַהאַלטענע מאַראַנען.

איז אים שרה געקומען אַנטקעגן
געהילט אין אַ שוואַרצן וואַל,
און ווי ער הייבט אָן רעדן און פרעגן
ווייזט זי דעם „צלם" אויפן האַלז.

אליהו הנביא האָט זי דערקענט
און פויליש צו איר גערעדט,
נאָר ס'האָבן אירע טריט שוין געברענט
ער איז סיי-ווי געקומען צו שפּעט.

האָבן געבעטן אירע אויגן שטילע,
און אליהו האָט אַלץ פאַרשטאַנען:
ער זאָל ניט צוגיין צו איר חלילה,
מען קען זיי ביידן פאַרשיקן קיין מאַידאַנעק.

מיין יודנריינע שטאָט

ווען פון די מרחקים, מיט מיין חלום געאָרעמט,
כ׳וועל אַריינבלאָנדזשען אין מיין יודנריינער שטאָט,
וועל איך פון דער שיל־גאַס, אויף די יונגע שפּורן
שפּרייזן דורך די קאַשטאַן־אַלייען
פון דער וואַרטע ביז דער יאַסנע גורע;
צוריק וועל איך שוין לויפן באַרג־אַראָפּ
ווי ס׳וואָלטן שטיינער האָגלען אויף מיין קאָפּ.

איך וועל זיך איינהילן אין עמוד ענן
און אַוועק איבער דער בריק צום גוטן־אָרט
צו די פּה נטמנס
זיי זאָלן זיך דערמאָנען:
דאָס בין איך, דאָס אוראייניקל חנן.

מיין עלטער־זיידע איציק הערש
מיט זיין לאָמטער־לבנה
וועט מיך פירן איבער קברים
ענג־געדיכטע
און איינקריצן אין דער נאַכט
פון מיין יודנריינע שטאָט
אַ פאַרטרערטע געשיכטע.

◆

די אַלטע שול

עניוותדיק, אין די סליחות־טעג,
האָט זי אין זשיקע גאַס אַרויסגעבענקט,
מיט טרויער און תפילה,
איבער קרומע דעכער, בלאָס און טריב
געקוקט אויף מיר אַן אייביקע,
אַ שטילע.

געהויערט האָבן אונדזערע שטיבער,
מיט פענצטער צו דער ערד געזונקען;
געחלומט בצבור;
און אין דורשטיקע טעג פון איר ברונעם
געטרונקען.

אהרן שמש האָט אָפּגעווישט
פון די קופערנע לייבן דעם שימל;
און אויבן זיינען לוחות געשלאָפן
אין גרויען, פאַרוואָלקנטן הימל.

פרומע באָבעס האָבן געוויקט
די תחינות מיט הייליקע טרערן;
און מיין זיידע יעיקל האָט זיין של ראש,
ווי אַ קרוין געטראָגן,
אויפן געקאַרבטן שטערן.

בעריש וואַסערטרעגער האָט זיך געוואַרעמט
אַ הונגעריקער אין פּאָליש
און מיט די תהילים־זאָגער מיטגעזונגען
הייזעריק און באַלעגאָליש.

ווען ס׳האָבן גויים מיט פּרענטעס און העק
אויסגעהאַקט די שויבן,
זײַנען דורך די אָפֿענע פֿענצטער
אַרײַנגעפֿלויגן ווײַסע טויבן
און מיטגעדאַוונט
אין די פּאָגראָמען־טעג.

אָפּגעריבענע אותיות
האָבן אַראָפּגעקוקט פֿון טויער
אויפֿן שיכורן גוי:
זה השער לה׳ צדיקים יבואו בו.

איצט, קום איך צוריק,
דײַן אָפּגעפֿרעמדטע טויב
וואָס היפּט איבער אַשיקע שטײנער
און קושט דעם שטויב
געווייקט מיט מאַמעס טרערן־טוי.

— — — — — — — — — — — — — — —

זה השער לה׳ צדיקים
יבואו בו.

◆

צו דער וואַרטע

איך זינג דיר פון ווייט אין מיין שלאָפלאָזן טראַכטן,
איך שטיי אויפן ברעג איצט, מיט אויגן פאַרמאַכטע,
און זוך אין פאַרלאָשענעם אַש יענע יאָרן,
וואָס האָבן געברענט ווי אין חומש דער דאָרן.
ווי איך, ביסטו פרעמד איצט, און שטיל אין דיין טרויער,
און טיף ווי מיין זיידנס פאַרטרערטער זוהר,
און שיין ווי אין יידישע פענצטער — די אַשלעך
און פרום ווי מיין מאַמע וואָס קומט דאָ צו תשליך;
און אפשר, אין זכות פון איר הייליקער תחינה —
גערוט איבער דיר האָט אַ בלויע, די שכינה.

איך שטיי אויף דער בריק איצט מיט אויגן פאַרצערטע.
דו ביסט נאָך די זעלבע, די היימישע וואַרטע;
דער איינציקער עדות, וואָס האָט מיך דערקענט דאָ,
וואָס הלומט צווישן די הייזער פאַרברענטע,
און זוכט אויף די גוישע פעלדער און לאַנען,
צי קומט ער נאָך, בעריש, מיט הילצערנע קאַנען.
און אפשר נאָך טראָגט זיך מיט ווינטיקע לירעס
אַן עכאָ פון יידישן לשון און זמירות;
און זוכט למד-וואָוון אין זומערן הייסע,
צי לעבט ער נאָך אַלץ מיט געזאַנג און תעניתים;
און קומט אין געדרענג אַ צעלויכטענער קוקן,
און שלינגען די רייד פון רפאל און קרוקן;
די קאַסטענעס זיינען שוין אויכעט פאַרשוואונדן
צוזאַם מיטן וואָרט וואָס האָט הערצער געצונדן.

איך שטיי ביי דעם טייך אויף די פעלדער פון זשאַרן
און זוך אין פאַרלאַשענעם אַש יענע יאָרן.
איך ווייס אַז דו וועסט זיי אויף אייביק פאַרשווענקען
וואָס וועט אָבער זיין פון דיין צער און בענקען? . . .
ווער דאַרף דיינע „הושענות" וואָס גרינען ביים ברעג,
און וואָס זיינען שוין ווערט דיינע איינזאַמע טעג,
אַז דו קענסט נישט דאָס יידישע רעדן מער הערן,
און ס'ווערט נישט קיין ליד דאָ פון אונדזערע טרערן:
איז ווער וועט זיך באָדן און ווער וועט דאָ שווימען?
ווי קענסטו זיך איצט מיט דיין שיינקייט באַרימען?

געדענקסט ווי מיר פלעגן דאָ זיצן פאַרליבטע,
ווען ס'האָבן נאָך יידישע קינדער געשטיפט דאָ?
צי קענסטו זיך אפשר אין דמיון דערמאָנען,
די ווייסע צעפלאַטערטע וועש ווי די פאָנען,
וואָס ס'האָט דאָ מיין שוועסטער אויף פלויטן צעהאַנגען?
די זון איז דאָ שענער און רויטער פאַרגאַנגען.
איצט שטיי איך, אַ פרעמדער געבוקט און געבויגן,
און זוך מיינע געסלעך מיט גליאיקע אויגן,
און זע אין די בלויע פאַרנאַכטיקע פאַליעס —
מיין טאַטן זיך וויגן אין קיטל און טלית . . .

1960

יאַסנע גורע

די יאַסנע גורע שלאָפֿט נאָך אַלץ
אונטערן נעפּל פֿון יאָרהונדערטער,
אַ דיקער גלח מיטן צלם אויפֿן האַלדז
קניט אַן אָפּגעזונדערטער.
נאָנעס שאַרן זיך פֿאַרביי,
ווי שאָטנס אויף די ווענט.
קלויסטער־גלאָקן קלינגען אויס אַ שווערן
קופּערנעם ניגון,
און פֿאַרוויגן, און פֿאַרוויגן
אַ פֿאַרגליווערטע זקנה.

און איך אַ חדר־ייִנגל
הער די אַלטע גלאָקן וויינען
און באַנעם דעם זין פֿון מורא
וואָס איך זייג פֿון מיין געבוירן.

1949

◆

יודנריין

טשענסטאָכאָוו איז יודנריין, אַ יודנריינע טשענסטאָכאָוו,
ניט קיין קרעמער, ניט קיין רב, ניט קיין טרעגער למד־וו.

ליידיק, פּוסט אין אַלטן מאַרק, געבליבן איז אַן עכאָ בלויז,
פֿון יידיש זמר אין דער לופֿט, גמרא ניגון פֿון אַ קלויז.

טרויער פֿון דער אַלטער שול. שאָטנס יידישע, דערשראָקן;
גויים בעטלען אויף די קני און ס'קלינגען שווער די קלויסטער גלאָקן.

טשענסטאָכאָוו איז יודנריין פֿון חדר ייִנגלעך אין געלויף,
פֿאַרליבטע פּאָרלעך אינעם פּאַרק און קונצנמאַכער אויפֿן הויף.

טשענסטאָכאָוו איז יודנריין, געוויסנריין, פּאַגראָמענריין,
וועט פֿליסטערן אין אלול־נאַכט מיין זיידנס שטילער ווינט־געוויין.

אין טרעבלינקע אויף אַ שטיין אויסגעקריצט איז טשענסטאָכאָוו,
כ'ציגד אַ ליכטל פֿאַר אַ קינד, שטילער, שטיל, די שכינה שלאָפֿט.

◆

ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק

ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק,
וואָס רידערט דער בדחן, דער לץ?
ער פּלומט אַ פאַרזשאַווערטע פּלומפּ,
און וועקט דעם פּאַרציטישן געץ.

די נישן זיך גלעטן די בערד,
ס׳רירט זיך דער מאַרמערנער בישאָף,
נתן־שיכור ליגט ביי דער שענק,
און דער ברונעם־געץ כישופט זיין כישוף.

פריילעכע קלעזמער שפּילן
אין הויף פון דער חרובער שול,
דער וואַנדערער חלומט אין וואָלקן
פּרצנס פיבערנאַכט שפּיל.

ס׳קלינגען די גלאָקן — חצות,
און ס׳לעשן לאַמטערן זיך אויס,
אַ חתונה אין דער פינצטער
שווימט פון ליקל אַרויס.

חתן־כלה אונטער די שטערן
שפּילן אַן אָפענע ליבע,
ס׳טאַנצן מיט בלויע הבדלות
חסידים פון גערער שטיבל.

דער בדחן גראַמט זיינע גראַמען,
יידן וויגן זיך טאַנצן,
רב בערל האַנדלט מיט לידער
און גאָלדענע פּאַמעראַנצן.

דער נאַכט־וועכטער ברומט פאַרשלאָפן
זאָל היטן „די אָדער יענע״ ;
זיין „עבנבילד״ דרימלט אין הימל
און אונטן ברענט שוין ס׳גהנום.

דער מיסטישער גערן גערענקט נאָך
אין מאַרק דעם ערשטן פּאָגראָם,
אין פּחד צעלויפן זיך יידן,
ס׳איז חושך על פני תהום.

דער בדחן טאַנצט מיט די שאָטנס
פון פאַרגאַזטן עולם התוהו,
די נישן גלעטן די בערד
און טאַנצן אויף טומעווענט גרויע.

זאָלן זיי טאַנצן, די מתים,
וויגן זיך הין און צוריק,
באַלד וועט דער מאָרגנשטערן
בלייכן אויף יענער זייט בריק.

אָט קרייט שוין דער בלעכענער האָן,
פּרצנם חלום פאַרשווינדט ;
ס׳טאָגט ווידער אין אַלטן מאַרק
נאָר ס׳בילן בלויז גויאישע הינט.

— — — — — — — — — — — —

ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק
בין איך איצט דער בדחן, דער לץ ;
איך פּלומפּ אַ פאַרזשאַווערטע פּלומפּ
און וועק דעם פאַרצייטישן גערן.

◆

ווען די טויערן זיינען צוגעפּראַלט

ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק
קומען זיי איינגעוויקלט אין שוואַרצע שאַלן.
הייזער זינקען מיט טרויעריקע דעכער,
פון פענצטער גרינען אָרוים אויגן פון קעץ,
צו דער לבנה קלעטערט פּרצנם לץ.

אין פערד־מיסט שפּערעלעך חלומען
פון אַ גרויסן יריד,
מיט וועגענער, סטראַגאַנעס
און אַ לעבעדיקן ייד.

די באָבעשי האַנדלט מיט פריצישע טיכער,
מיינע מומעס שפּיגלען זיך אין די באַליעס פיש ;

שעיהס קאַטערינקע שפּילט אַ וואַלץ
און מיין שוועסטער צים איר מזל־קוויטל
פון זיין צויבער־היטל.

אַז די טויערן זיינען צוגעפּראַלט,
און ס׳שטומען די גלאָקן אויפן קלויסטער באַרג,
קומען זיי געהילט אין שוואַרצע שאַלן
ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק.

◆

אָפּשייד

אין אָנדענק פון אונדזער שׂרה.

שוואַלבן פאַרלאָזן די נעסטן פון פוילן
און קוקן מיט צער אויף גאָלדענע בלעטער;
זיי פילן, וואָס איז אין דער טריבקייט פאַרהוילן,
ווי ס'דרעמלט אין וואָלקן אַ שטילער פאַררעטער.

וויגן זיך ביימער אין פוסטע אלייען,
גאַפּיען אויף אונדז אַזוי מוראדיק פרעמד;
ווער נאָך ווי האַרבסטיקע ביימער פאַרשטייען
דעם סוד וואָס באַהאַלט זיך אין האַרצן פאַרקלעמט.

געאָרעמט אין שווייגן אַ ווײַלע מיר זיצן,
שעפּטשעט אַ ווינטל אין איינזאַמען געסל;
ס'וועט זיך דיין אומעט אויף אייביק באַשיצן,
ס'האָט מיך דיין אומעט אויך איצט ניט פאַרגעסן.

פאַרביי מיינע געסלעך צעטרעטן אין בליען,
געזעגנט די חורבה פון שול דער פאַרברענטער
לאַנג קוקט מיר נאָך אַ געבליבענער „ציון“,
דערשראָקענע יידישע אויגן דערקענט ער.

דער הימל מיט וואָלקנס, מיט גרויע פאַרצויגן,
שטומע געמיטער באַהאַלטן אַ טרער,
איך קוש דיינע צאַרטע, פאַרלאָשענע אויגן
וואָס וועלן ניט זען, ניט זען מיך מער.

— — — — — — — — — — — — — —

צוריק זיינען שוואַלבן אין נעסטן פון פוילן,
און ס'גרינען אלייען באַקרוינטע מיט בלומען,
נאָר ס'איז אין דעם בליען אַ ווייטיק פאַרהוילן,
אַ וואַרטן אויף עמעץ, וואָס וועט מער ניט קומען.

1946

◆

אַ געטאָ־קינד

אויגן דערשראָקענע וואָס זוכן
דורך שפּאַרונעס,
צו אויגן פון דעם געטאָ־קינד
טו איך תפילה:
זיי מוחל מיינע זינד,
על חטא שחטאתי לפניך
פאַר דעם וואָס כ׳בין,
פאַר אַלץ וואָס כ׳טו,
וואָס כ׳שלינג אַראָפּ דאָס ביסל רו,
פאַרן דורכשלאָפן אַ נאַכט,
פאַר יעדער נאַכט וואָס כ׳זע דיך ניט
אין חלום,
פאַר געוויסן —
וואָס באַקומט מיר נאָך דער ביסן,
און פאַר מינוטן שטילע.
צו דיין אַליינקייט, פאַרגליווערטער
אין טויער
טו איך תפילה:
פאַר מיין ליבע וואָס איז וואַך
און ווער ניט רויט ווען כ׳טו אַ לאַך,
פאַרן נעכטן, פאַרן היינט,
פאַרן הימל אויבן,
פאַר דער זון וואָס שיינט —
זיי מיר מוחל . . .

אויגן פאַרפּייניקטע אָן טרערן,
דאָס וויינען פון אַ קינד
וואָס קיינער וויל ניט הערן,
פאַר דיינע ליידן
זאָל גאָט ניט שטראָפן
וואָס מיין הארץ טוט קלאַפּן,
פאַרן ביסל האָפן,
פאַר אַלץ וואָס איז מיר נאָך אַ שאָד,
פאַר בלויקייט איבער אונדז,
פאַר באַוואונדערן די טויבן,
פאַר מיין גלויבן,
פאַר מיין גלויבן,
פאַרן זאָגן מיט מיין קינד
שהחיינו . . .
זיי מיר מוחל
על חטא שחטאנו.

1962

אין קלויסטער

די פרעמדע, קאַלטע ווענט נעמען זי אַרום,
זי האָט דעם גרויסן סוד נאָך ניט פאַרגעסן,
דער צלם אויפן האַלדז הענגט קאַלט און שטום,
און פרירט זי איין אין פינצטערע מעת־לעתן.

זי קניט אַנטשוויגן לעבן דער מאַדאָנע,
און אירע אויגן שליסן זיך געשווינד,
פאַרדעכטיק קוקט אַ שווייגנדיקע נאָנע
אויפן בלאַסן קניענדיקן קינד.

אין ווינקל זיצט דאָס מיידעלע באַזונדער
באַהאַלטן מיט איר סוד און מיט איר שרעק,
זי האָט מורא פאַרן יוזל מיט די וואונדן,
פאַר די גלאָקן וואָס זיי קלינגען גאַנצע טעג.

וואָס טראַכט דאָס מיידעלע וואָס קניט דערנעבן
און זאָגט דעם פאַטזשעזש מיט פאַרפרומטע הענט?
זי טראָגט דעם גרויסן סוד פון בלייבן לעבן,
פון אָפּנאַרן די שטילע קלויסטער ווענט.

— — — — — — — — — — — — — —

אַ לעמפּל לויכט זיך טרויעריק און טונקל
אַ שאָטן וויגט זיך, וויגט זיך שטילערהייט,
ווי ס'האָט די מאַמע ערגעץ אין אַ בונקער
זי איינגעוויגט מיט שטילע, צאַרטע רייד.

1951

נאַכט קאָשמאַר

יעדע נאַכט פירט מיך אַוועק אין יזכור־טאָל,
וואו שטילע וואַרטן נאָך אויף מיר מיינע צאַן קדשים;
פון אַש טויכט אויף אַ גאַנצע עדה מיטאַמאָל,
און ס׳לעבן אויף די גאַסן אַן גערייד און אָן גערוישן.

יעדע נאַכט — זיי וואַרטן אַלץ אויף מיר אין מידן שווייגן,
און שווייגנדיק זיי פיבערן מיט ליבע און מיט שרעק;
איך שפּרייז אַריבער פייערדיקע, שטעכעדיקע צווייגן,
יעדע נאַכט גיי איך מיט מיט זיי דעם לעצטן וועג.

יעדע נאַכט איך פלי אַהין אין וואָלקנדיקער ווייט,
טראָגן מיך די פליגל ציטערדיקע פלינקע,
אפשר, אפשר וועל איך דאָך אָנקומען אין צייט
און ראַטעווען מיין שוועסטער פון טרעבלינקע.

יעדע נאַכט וויגט מיך איין א־ל מלא רחמים,
שלעפּט מיין חלום זיך צום לעצט־געבליבענעם וואַגאָן;
יעדע נאַכט ווערט מיר ווידער און אויפסניי פאַרחתמעט
דער גורל פון די לעבעדיקע זעקס מיליאָן.

יעדע נאַכט קומען זיי צו מיר צוריק,
אין יעדן חלום לעבן זיי און קומען אום אויפסניי,
און ביז ס׳וועט אויסטריפן ס׳לעצטע יזכור־ליכטל אין מיין בליק
וועט מיר נאַכגיין זייער ניט־דערהערטער לעצט־געשריי.

1962

◆

אין שטילע זאַקן

אויפן באַרג, אויפן באַרג
הענגט אין ווינט דער אײנציקער פליגל
פון דער פאַרסמאַליעטער מיל.

דער אַלטער קאַשטאַן ווי נעכטן צעבליט
וואַרט אויף זיינע שטיוול-טריט.

יעדן אָוונט קומט ער אַהער
פון דער פאַרברענטער שול
מיט אַ הייזעריקן הינט-געביל.

ביי נאַכט, ווען שיכורע די כאַטעס כראָפּען,
שאַרן זיך שאָטנס אריין אין שטילע זאָקן,
פויערטעס מיט זעק, דערשראָקן,
זוכן אין שמות דעם פאַרשאָלטענעם סוד,
דאָס גאָלד פון יידישן גאָט.

אין דער קוזניע ליגן באַגראָבן
מעשענע לייכטער, דעם טאַטנס תפילין.

און אין די שפּאַלטן וויינען די גרילן.

◆

מנחם דער שמידער (באַלאַדע)

אין שטעטעלע אָלשטין, אויף פּוילישער ערד,
געלעבט האָט מנחם, אַן ערלעכער שמידער,
פּאַטקעוועס געשמידט פאַר שכנישע פערד,
געהאַמערט דאָס אייזן מיט יידישע לידער.

האָבן די פּויערים געהאַלטן אים טייער, —
מנחם פון שטעטל דער בעסטער שמידער;
געגליט האָט דאָס אייזן אין פלאַמיקן פייער,
געוואָרעמט דאָס האַרץ מיט יידישע לידער.

מנחם קען שמידן שטאָלערנע פייגל,
קוקן מיט וואונדער היימישע ברידער
ווי ס'קאָוועט דער שמידער אַ טויב מיט אַ צווייגל
און ס'שפּריצן די פונקען מיט יידישע לידער.

ביז ס'זיינען די דייטשן געקומען מיט כוח
און געטריבן צום טויט מנחם דעם שמידער,
אַוועק איז די קוזניע אין פייער און רויך,
פליען אין ווינט זיינע יידישע לידער.

— — — — — — — — — — — — — —

ס'איז נאַכט אין אָלשטין און שטיל ווי אַמאָל,
ווען ס'שלאָפן אין כאַטעס פּויערים מידע,
הערן זיך קלאַנגען פון גליאיקן שטאָל
און ס'וויינען די ווינטן מיט יידישע לידער.

יאַנוש קאָרטשאַק

געפינען אַ קינד

ווי יענער אַלטער פילאָזאָף
מיטן לאַמטער
כ׳בין אַרוים זוכן דעם בר-נש
און געפינען אַ שיכור מיט אַ פלאַש.
אַ קינד גלאָצט פאַרחידושט און לאַכט:
נאַכט? בלינד?

מיין קלוגע לאַמטער וויגט זיך אין ווינד.
כ׳בין אַרוים זוכן אַ מענטש
און געפונען אַ קינד.

◆

ער איז ניט מודה

אַלע וויסן שוין,
דער קליינער דזשעק וועט באַנקראָטירן,
אין בערזע-שפיל
זיין חלום וועט פאַרלירן.

אַלע וויסן שוין:
ס׳קינד וועט פאַלן פון דער הוידע,
נאָר דער קליינער דזשעק —
ער איז ניט מודה.

◆

קראָכמאַלנע גאַס

קראָכמאַלנע גאַס, אַ חלום בלויז,
און איך, אַ ייִנגל פֿון פּראָווינץ
דריי זיך פֿרעמד און זוך דאָס הויז
אין נעפּל־בלוי דעם שטילן פּרינץ.

די קליינע וועלט גייט אויף צעשיינט,
אַ צאַרטע נעסט פֿון מי און ליבע,
ס'וואַכט דאָס האַרץ פֿון קינדער־פֿריינט,
שטראַלן זיינע אויגן טריבע.

קראָכמאַלנע קאַכט, אַ קעסל זידט
און ייִדן לויפֿן הין און קריק,
שטויב, גערויש, און אינדערמיט —
אַ פֿרייע קינדער־רעפּובליק.

◆

עין חרוד

אין עין חרוד ציִיטיקן שוין טרויבן,
קינדער זיינען ברוין און אָפּגעברענט,
נאָר אין קראָכמאַלנע בענקען מיינע טויבן,
צו דער ווייסל איז מיין בליק געווענדט.

הויך און שטאָלץ וואַקסן די ציפּרעסן,
אין קיבוץ־פֿעלד גרינען שוין די גראָזן,
נאָר מיינע קינדער קען איך ניט פֿאַרגעסן,
אין שניי איצט וויינען פּוילישע בעריאָזן.

איך בין מקנא די, פֿון עין חרוד,
זיי קלעטערן אויף תּנכישע טאַראַסן;
אין פּוילן וואַקסן מאַלינעס אין סאָד
און קינדער זינגען ייִדיש אין די גאַסן.

◆

טרערן

ביסט אַנטלאָפֿן אין זיבעטן הימל,
זיך צעוויינט מיט אַ רעגן פֿון טרערן,
האָבן קינדער זיך געפֿרייט מיט דיינע פּערל;
אַז זיי וועלן אַרויף צו די שטערן
אומזיסט וועלן זיך קייקלען דיינע טרערן.

◆

פּנים אל פּנים מיט גאָט

אין פֿאַרמאַכטן וואַגאָן
איז מיין וויגליד געוואָרן
שטויב און אַש,
יתגדל ויתקדש.

אין פֿאַרמאַכטן וואַגאָן
האָב איך אים געזען
פּנים אל פּנים.

ס'איז מיר דערעסן, גאָט,
איך בין מיד שוין
פֿון דיינע נאַראָנים.

◆

לעצטער גאַנג

ס׳גייען זיינע קינדער אין שטומען לעצטן גאַנג,
דורך גאַסן הייליקע ציט דער וועג זיך לאַנג.

יאַנוש קאָרטשאַק אין שטילן פּיין צעגליט
די קליינע עדה שפּאַנט מיט צאַרטע טריט.

ווי אַ ספר תורה — אַ קינד צו זיך ער דריקט,
אויף זיין אָרעם — אַ מיידעלע פאַרוויגט.

געטאָ־הייזער שטאַרן סודותדיק, פאַרהוילן,
ס׳וועט ניט זינגען מער אַ יידיש קינד אין פּוילן.

שאָפּען׳ס טרויער־קלאַנגען אין דער ווייסל זינקען,
קראָכמאַלנע־חלום פלאַקערט אין טרעבלינקע.

און איך, דער עדות פון יסורימדיקן סוף
האָב געזען דעם לעצטן פון פּוילנ׳ס לאַמעד וואָוו.

◆

גלעזערנע הייזער

די זון גיסט זיך אַריין אין די גלעזערנע הייזער,
אַ מבול ליכט פֿאַרגיסט דעם ערבֿ פֿרילינג,
נאָר זיי וועלן זיך דאָ מער ניט ווייזן
מיט די רונדיקע היטעלעך אויף סודותדיקע קעפּ,
די סערקעלעך מיט שוואַרצע צעפּ;
ס׳איז אַ בייקע פֿון אַמאָל, אַמאָל,
אונטן דרימלט זי אין בונקער־טאָל
און אויבן ליכטיקן גלעזערנע הייזער
צען, אפֿשר צוואַנציק שטאָק;
אין גלעזערנע הייזער וויגן זיך ליכטיקע וויגן,
אין וויגעלע ליגט סטאַשעק,
און די מאַמע וויגט אים איין מיט אַ ראָזעווען ניגון:

ליולי ליולי לול,
שוין נישטאָ מער סרול,
דרימל מיט אַ זיסן קוש,
זאָל דיך היטן „אַניאָל סטרוש״;
ליולי, ליולי לול,
שוין נישטאָ מער שמול,
זאָלן די זשידאָווסקע טרערן
נאָר דיין שלאָף מיר ניט צעשטערן,
ליולי ליולי לול.

אונטן דרימלען טרערן אין בונקער־טאָל,
און אויבן בליען שוין די רויזן אויפֿן דאַך;
אַ מאַיאָווע רעגן וועלן זיי די קרוינען וואַשן.
האָב ניט מורא קליינער סטאַך,
ס׳וועט דער טרויער מער ניט סטראַשען;
ליולי ליולי לול,
שוין נישטאָ מער סרול,
שוין נישטאָ מער סרול.

◆

אויפֿן וועג ליגט יידל

אויפֿן וועג ליגט יידל
הינטער אַ סטראַשידלע,
ער האָט אויף זיין פֿידל
אויפֿגעהערט צו פֿידלען.

וואו איז זי די פֿידל?
געפֿונען האָט עס יאַש,
אָבער ניט דאָס לידל,
ס'לידל ליגט אין אַש.

ערגעץ וואו אין אַש
וועט דאָס לידל וויאַנען,
פֿידלט איצטער יאַש
דאַנאַש מאָיאַ דאַנאַ.

יאַשעק מיטן פֿידל,
יאַנעק מיטן באַס,
שוין ניטאָ קיין זשידל,
ליידיק איז די גאַס.

אויפֿן וועג ליגט יידל,
חלומט אינעם גראָז,
ערגעץ בענקט די פֿידל
צו זייןווירטואָז.

טליעט זיך דאָס לידל
אין גליענדיקן סנה,
יידל מיטן פֿידל
זינגט מיר בעל־פּה.

אין מיין נאַכט־ירידל
ווען איך גיי פֿאַרביי,
זינג איך מיט דאָס לידל
דאָס אַשיקע, אויפֿסניי.

1950

◆

אייביקע קוואַלן

ניט געגוג פאַר צווײ

די אור־סטאַדע פּאַשעט זיך אויף יענער זײט
גן־עדן באַרג.

הבל מיטן פּאַסטעך־שטעקן היט,
נאָשט דעם גרינעם זאַפט פון פעלד,
דעם הימל־װײן און װילדן האָניק
פון בראשית װעלט.

הבל באָדט זיך אין זילבער־קװאַל
פון געטלעכן כי־טוב.
פון גן־עדן קומט אַרױס די סטאַדע שאָף.

הבל זינגט פון פּרו ורבו,
גראָז — טױ — ליכט — רו ;

מיט שאָף און רינד
װיגט זיך מיט דאָס פּאַסטעך־קינד.

נאָר װײ און װינד
און װינד און װײ,
די װעלט איז ניט געגוג פאַר צװײ.

אױסגעשפּרײט האָט גאָט זײן בלױען שלאָף
איבער װעלף און איבער שאָף,
בלױז קין׳ס חלום װאַכט.
און ביטער ברענט אין אים די נאַכט.

אומעטום איז כולו טוב און כולו שײן,
נאָר קין װיל די װעלט פאַר זיך אַלײן.

◆

פאַרוואָס

צו פיסנס דעם גן־עדן באַרג
פאַרגנורעט זינקט הבלם קאָפּ אין זאַמד,
זיינע אויגן — אָפן, שטאַרן,
דער הימל גליט און פלאַמט.

ס׳טרינקט די ערד דעם פאַסטעכס בלוט,
פאַרוואָרפן ליגט אין פעלד זיין שטעקן,
פחד־גלי גייט אויף
פון ערשטן הרוג.

שאָף און רינד דורשטיק לעקן
סוד פון טויט,
ס׳ברענט דער האָריזאָנט.

די סטאַדע בלאָנקעט זיך אין גראָז
און ס׳פרעגן אויגן תמעוואַטע:
פאַרוואָס, פאַרוואָס?

אדם זיצט פֿאַרטרויערט

געגאַרטלט אין אַ האָריק חיה־פעל
זיצט פֿאַרטרויערט אָדם אויף דער שוועל,

ערגעץ דרימלט זיין גן עדן
אין געדיכטן וואָלקן קנויל,
אין זיין פעלזן־היים איז פּוסט און הויל;
פון די בערג קייקלט זיך אַרונטער
קללה, צער און גרויל.
ניין, ניט גאָט האָט דיין פּאַסטעך־קינד געטויט
נאָר קין, דיין בכור!

אין ווינט פליען ערגעץ זיינע ווילדע האָר,
ער וואָגלט נע ונד,
פון הבל'ס שאָטן קען ער ניט אַנטרינען;

אדם זיצט פֿאַרטרויערט אויף דער שוועל
און גייט אַראָפּ פון זינען.

◆

יעקב׳ס לייטער

מיט רבקה׳ס צער און עשו׳ס צאָרן
איז יעקב אַוועק אין פרעמדן חרן.

ער גייט איבער בערג, איבער יידיקע טאָלן,
די פּיס — פאַרוואונדעט און געשוואָלן.

ער פאַלט אַוועק אויף גאָטס באַראָט,
דער טאָג גייט אויס — אַ בלויער סוד.

ער ליגט אַ מידער אויף אַ שטיין,
אַ יידיש יינגל — איינער אַליין.

די בלינדע נאַכט איז צוגעפאַלן
מיט געוויינען פון שאַקאַלן.

זינקען אין שלאָף די בערג און די טאָלן,
חלומען אונדזער אייביקן חלום.

יעקב זעט אין זיין מידן דרימל
אַ געטלעכן לייטער זיך ציען צום הימל.

וויגט זיך דער לייטער איבער זיין קאָפּ,
ס׳גייען מלאָכים אַרויף און אַראָפּ.

מיט פרומען געזאַנג און חומש-טראָפּ
גייען יידישע קינדער אַרויף און אַראָפּ.

מיר קלעטערן אַלע אַריין אין די שטערן
און קומען צוריק מיט ליכטיקע טרערן.

האָט יעקב דערקענט דעם הייליקן סוד
פון אונדזער אייביקן יידישן גאָט.

◆

ער וועט אייביק רעוואָלטירן

אין גאָטס מדבר ער וועט אייביק רעוואָלטירן,
דער פאַרוווירטער שבט;
ס׳וועט אַ וואָלקנזייל דעם וואַנדערוועג באַגלייטן,
טריפן וועט דער מאָרגנטוי,
מיט פרישן מן וועט רעגענען דער הימל־בלוי;
פון קיזלשטיין וועט פליסן קאַלט
דער זיסער וואַסער־שוים,
— אַ שטראַלנדיקער טרוים.

נאָר ער וועט אייביק רעוואָלטירן.
גיב מיר דורשט, הונגער־פיין
כ׳בין מיד פון גרייטן האָניק־מן,
דיינע אַלטע ברכות מיר באַשער,
כ׳בענק נאָך מי און שוויים
און טרער.

גיב מיר גאָט דעם טעם
פון יאושדיקן צער,
און תפילה,
ווען ס׳לויערט אויפן וועג געפאַר.

— — — — — — — — — — — — — —

ער וועט אייביק רעוואָלטירן.

◆

דער עיבל שעלט

.1

ביי נאַכט ווען ס׳שלאָפט די וועלט,
איך הער דעם עבל־שפּיל פון פייער;
אין אינגעווייד פון באַרג
פאַרטייעט
אל נקמות זידט,
גליט.
אין בראַנדיקן דאָרן
גרימט זיין צאָרן,
וויינט זיין צאָרן.

דער עיבל-באַרג שוואַנגערט
מיט קללות,
אָנגעלאָדן מיט צעקאַכטער לאַווע
זיין יוכע בריט אין תאווה;
הימל — קופּער,
ערד — אייזן,
רעגן — שטויב,
רויב.

אומעטיק און איינזאַמיק
דער עיבל שעלט.
דער עיבל שעלט.
איך וויל זיך איבערבעטן:
זע, אויף מיינע קני איך פאַל,
ס׳בעטן מיינע אויגן, האַר!
וואוהין זאָל מיין קינד אַנטרינען?
הינטער יעדן הויז
גרילט דער גזר.
אַ קללה-סימפאָניע
דער עיבל שפּילט,
דער אלטער באַרג שעלט.
ער שעלט דאָס הארץ
פון דער וועלט.

.2

דער הר גריזים שיינט צו מיר אראָפּ —
אין וואָלקנדיקן קיטל — אַ זיידע
מיט אַדערדיקע הענט אויף מיין קאָפּ.

איך שעפּ זיינע ברכות פון מיין אייגענעם קוואַל ;
קומט מיט ליפן דאָרשטיקע פון מדבר,
דזשונגל־שטעט פאַרפּעסטיקטע,
מיט אויגן צעשטאָכענע קומט קינדער־ריזן,
פילט אָן די לאָגלען מיט ברכות
פון הר גריזים.

די פרוכט פון לייב — געבענטשט,
דיין ערד — געבענטשט,
עמיץ האָט דיך ליב — מענטש.
מיין זיידע צעוויקלט זיין אייביקע באָרד
איבער דיין שלאָף.
אויפן באַרג גריזים פּאַשען זיך מיט ברכות
זיינע שאָף,
אַ שומרוני, אין נאַסן גראָז קוועלט
נאָר דער עיבל־באַרג
דער עיבל שעלט,
ער שעלט דאָס הארץ פון דער וועלט.

◆

בלעם דער רשע און פּאָעט
סאָנעט

ס׳איז ניט שולדיק בלעם דער פּאָעט און זעער
וואָס טראָגט משלים גאָלדענע אין זעק,
די קאַשמאַרנע נאַכט וועט פאַרהאַלטן אים אין וועג,
די לאַגלען פון געזאַנג ווי באַלאָנען זײַנען לער.

ווײ און ווינד דעם נביא פון פאַרמסחרטן באַשײד,
וואָס צײלט דעם שקל פאַר יעדן טראָפּ פון זײַן געוויסן,
ס׳וועט זײַן הארץ אין שטויב זיך וואַלגערן, צעריסן,
ער וועט לערנען שכל פון זײַן אײזלס רײד.

אומזיסט זײַן קלעטערן צו דער בלויער שכינה,
ער וועט זײַן קלוגן משל אויפן שפּיצבאַרג ניט געפינען,
סאיז גאָט אין טאַל־געווימל צווישן קלײנע מענטשן,
וואו ס׳שפּילן קינדער מדברדיקע אין געצעלטן.
דער רשע בלעם אויפן באַרג איז גרײט צו שעלטן,
נאָר בלעם דער פּאָעט וועט אַ שטראַלנדיקער בענטשן.

◆

איוב

ס׳איז איוב אַלץ נאָך אַ שפּיל
צווישן שטן און גאָט;

נעם דיר זײַנע יסורים, נאָר די נשמה
לאָז אויף מײַן באַראָט.

צעטרײסלט איז איוב׳ס נשמה, סײ־ווי
אויף אײביקע דורות.

ער וועט ניט באַגרײפן
די מאומהדיקע וועגן פון גאָט;

אויך פאַרן בורא
וועלן איוב׳ס פּײַן בלײַבן
אַן אײביקער סוד,
און פאַרן שטן —
אַ שפּאָט.

יעל

(ביבלישע באַלאַדע)

ביים פענצטערל זיצט יעל אַליין אין איר געצעלט.
זי וואַרט אויף חבר קיני — איר היים-געליבטן העלד.

זיץ ניט ביי דעם פענצטער אין טרויער און אין צער,
קום אַרויס יעל און שפּיל אויף דיין גיטאַר.

אין דרויסן גייען מיידלעך מיט לידער און געשאַלן
כנען איז געפאַלן, כנען איז געפאַלן.

ווי קען איך מיט אייך זינגען דאָס ליד פון אונדזער זיג
אַז מיין געליבטער חבר איז ניטאָ צוריק.

אַ מידער שלעפּט זיך סיסרא, דערשראָקן אינעם פעלד
באַהאַלט מיך, שיינע יעל, באַהאַלט אין דיין געצעלט.

דיין געליבטן חבר, איך וויל דו זאָלסט פאַרגעסן,
וועסט נאָך אפשר ווערן מיין כנענישע פּרינצעסן.

פּערל וועל איך דיר און גאָלד אַ זעקל רויבן
ביי אַלע געטער שווער איך, דו מעגסט מיר, יעל, גלויבן.

יעל גיט אים מילך און שפּילט אויף איר גיטאַר.
אויפן בעט ליגט סיסרא — אַן אויסגעשפּילטער האַר.

אין חלום האָט נאָך סיסרא שלעסער זיך געבויט
אין חלום האָט אים יעל נקמהדיק געטויט.

אויף די פעלדער גרינע, אונטער הימלען בלויע
טאַנצן אַלע מיידלעך, זינגען אַלע פרויען

נאָר טרויעריק זיצט יעל אַליין אין איר געצעלט,
זי וואַרט נאָך אַלץ ביים פענצטער אויף איר געליבטן העלד.

◆

מגילת רות

א.

ויהי בימי — אין יענע טעג,
אין יענע צייטן פון אַמאָל
ווען שופטים האָבן נאָך געלעבט
צווישן די בני ישראל;

ויהי בימי — אין יענע טעג —
געלעבט האָט גאָר אַ רייכער מאַן,
מיט אוצרות־אָנגעפּילטע זעק,
דער רייכסטער אינעם לאַנד כנען.

ב.

דער הימל גליט, דער הימל פלאַמט
און ווי אַ מדבר בריט די ערד,
און אונטער הויכע בערג מיט זאַמד —
גראָז — פאַרטריקנט און פאַרצערט.

אין זאַמדן בלאָנקען זיך די שאָף,
אין מדבר וואַקסן דערנער בלויז,
דער הימל ברענט, און ברענט אָן אַ סוף,
כנען גייט פון הונגער אוים.

ג.

אלימלכס קעמלען קניען,
אויפגעלאָדן פולע זעק;
קעמלען ציען, קעמלען ציען
פון בית־לחם ווייט אַוועק.

אַוועק איז שוין דער קאַראַוואַן
און ס׳בלייבט בית־לחם ווי פאַרשעמט,
אַוועק פון זאַמדיקן כנען
שטאַרבן ערגעץ אין דער פרעמד.

ד.

אין מואָב רוט זיין הויזגעזינד
און עסט דאָס רייכקייט אויף אַליין,
נאָר עפּעם קלאָגט און וויינט דער ווינט
ווי ערגעץ וואָלט אַ קינד געוויינט.

די שטראָף פון גאָט, די שטראָף איז גרויס,
דער רייכער מאַן, אין זיין געצעלט,
ער בענקט און גייט פון בענקען אויס,
און שטאַרבט אין מואָבס ווייטן פעלד.

ה.

נעמי וויינט מיט הייסע טרערן
און ס׳וויינען אירע פרינצן צוויי,
נאָר גאָט וועט איר געוויין ניט הערן,
איר געוויין און איר געשריי.

יאָרן גייען, יאָרן קומען,
ביידע זין — זיי וואַקסן אויס,
זיי האָבן כלות זיך גענומען
און אויפגעבויט אַן אייגן הויז.

ו.

און אין דעם הויז איז ווינד און ווי,
דאָס הויז איז פּוסט, די שטוב איז ליער,
נעמים זין, די פּרינצן צוויי,
די זין — זיי לעבן שוין ניט מער.

נעמי וויינט מיט הייסע טרערן
אויף אירע יונגע פּרינצן, צוויי,
נאָר גאָט וועט איר געוויין ניט הערן,
איר געוויין און איר געשריי.

ז.

נעמי חלומט נעכט און טעג,
ענג און וויסט — איר אייגן הויז.
אַלץ איז פרעמד, זי וויל אַוועק,
דאָס האַרץ גייט איר פון בענקען אויס.

נעמי וואַנדערט איבער לאַנען
צוזאַם מיט ערפה און מיט רות
און ניט מיט רייכע קאַראַוואַנען,
נאָר אַ באָרוועסע, צו־פוס.

ח.

זאַמדן בריען, זאַמדן גליען,
זון פאַרגייט אין ווילדן פלוין,
רות און ערפה ציען, ציען
מיט נעמי זייער קרוין.

ערפה וויינט, זי קושט נעמין
און קערט צוריק אין מואָבס פעלד,
דאָרטן האָט זי נאָך אַ נאָמען,
דאָרטן לעבט איר שיינע וועלט.

ט.

די שיינע רות, זי טרעט ניט אָפּ
ווי אַ פאַרגליווערטע זי שטייט
און נעמט אַרום נעמיס קאָפּ
און וויינט מיט שטילע צאַרטע רייד:

„אין מואָב בין איך דאָ אַליין,
אין מואָב האָב איך ניט קיין רו;
וואו דו וועסט גיין וועל איך אויך גיין,
און בענקען — בענק איך אויך ווי דו.

י.

איך בין אַצינד, איך בין אַצינד
ניט מער די מואַבישע מויד,
איך בין ווי דו אַ יידיש קינד
ביז דעם קבר, ביז דעם טויט".

די זון פאַרגייט אין רויטע פלאַמען,
ס'דרימלען בערג אין שטילער רו,
ווי פאַרוויגט ס'וואָלט זיי אַ מאַמע
ווען די בלויע נאַכט פאַלט צו.

יא.

בית-לחם חלומט נאָך אין פריד,
און געסלעך זיינען פוסט און לער,
נעמי ליגט געבויגן מיד
און קושט דעם שטויב און קושט די ערד.

אט דאָס איז זי, די שטאָלצע נעמי?
„רופט מיך שוין ניט נעמי מער,
מרה — ביטער איז מיין נאָמען",
ס'גליט אין אויג אַ שטילע טרער.

יב.

געניִדערט האָט אַ וואָלקן-זייל
און איינגעהילט דעם גרינעם טאָל;
די שניטער ציען אין געאייל,
דער קאָרן צייטיקט אין ישראל.

אין פעלדער פאַשען זיך די שאָף,
ס'שפילט דער פאַסטעך אויף זיין דודע;
בית-לחם וועקט זיך שוין פון שלאָף,
און ס'בלויט דער הימל אין יהודה.

יג.

רות גייט נאָך דעם שניטערס טריט,
זי קלייבט די גערשטן אויף געשווינד,
איר פּנים ברוין ווי אַנגעגליט,
די האָר צעפּלאָשעט אויפן ווינט.

ס'איז מיטאָג־צייט, די שניטערס רוען,
דרעמלען מידע אין געצעלט,
בועז ציילט די סטויגן תּבֿואה,
סטויגן גאָלדענע אין פעלד.

יד.

איבער בערג און איבער טאָלן
שוועבט די בלויע נאַכט פון כּנען;
און רות, זי שוועבט, ווי אין אַ חלום
מיט איר גואל, מיט איר מאַן.

בועז גייט מיט רות געאָרעמט,
נעמיס שנור, די טרייע גרטע,
זי איז די שיינע רויז פון שרון,
זי איז זיין כּלה, זיין באַשערטע.

טו.

ווי דער ים איז גרויס די ליבע,
טיפער פון די טיפסטע תּהומען,
רות איז אַלע טעג געבליבן
טריי צו בועזן און נעמין.

אין די יאָרן שטילע האָבן
זיי אַ יינגל אויפגעכאָוועט,
געווען איז רות די עלטער־באָבע
פון דעם גרויסן קעניג דוד.

טז.

אַן אַ סוף און אַן אַן ענדע
ציען זיך די לידער שטילע,
ווי אַן אייביקע לעגענדע,
ווי אַן אייביקע מגילה —

וועגן רות דער מואביה
און איר טריישאַפט צו נעמין;
זאָל איר ליבע, זאָל איר זכיה
אַלעמען אונדז ביישטיין, אָמן.

◆

שמשון

גרינע פעלדער, ווילדע גראָזן,
תמנהס בלויער הימל פלאַמט;
שמשון לויפט מיט האָר צעלאָזן,
ס׳ברילט דער לייב אויף הייסן זאַמד.

ס׳ברילט דער לייב אויף תמנהס וועגן
אין זיינע אויגן פייער ברענט;
ס׳לויפט דער גבור אים אַנטקעגן,
מיט זיינע האַריק־בלויזע הענט.

צעריסן ליגט דער לייב אויף ד׳ערד,
און שמשון הויבט איצט אָן צו גלויבן,
אַז פון גאָט איז אים באַשערט
אַליין צו ראַנגלען זיך מיט לייבן.

◆

שאול

עמלק וואַלגערט זיך אין שטויב פון זיינע טריט,
דער בלוט־שונא פון מדבר אין אַנגסטן פאַר אים קניט,
נאָר ס׳ציטערט ניט די קאַלטע האַנט פון גאָט,
ווי ס׳ציטערט שאול מיט רחמנות און גענאָד.

שאול, שאול, וואָלסט דיינע אייזלען אין די בערג געזוכט,
ניט געטרונקען ביטערניש פון אייפערזוכט,
דעם שטילן אַקער ניט געביטן פאַר נצחון,
צו אַ מכשפה׳ס הייל פאַרצווייפלט ניט געקראָכן.

האָסט אומזיסט געוועקט דעם אַלטן נביא׳ס שלאָף,
ס׳איז שטרענג דער גזר און גורלדיק זיין שטראָף:
אַ פּאַסטעך־יונג קען אפשר זיין אַ העלד,
נאָר ס׳איז ניט אַ וועלט פון רחמים אונדזער וועלט.

◆

הושע בן בארי

(באַלאַדע)

הושע בן בארי האָט איר אוירינגלעך געבראַכט,
אַ האַלדזבאַנד פאַר גומרן זיין ווייב,
זי זאָל אים אַ מיידל געבירן, לאַ־רוחמה,
און אַ יינגעלע לאַ עמי.

נאָר ווי און ווינד דעם טאַטן:
די שיינע גומר האָט דעם זעער פאַראַטן
פאַר פאַלשן מינץ פון יונגע געטער,
ליבהאָבער־פאַרעטער.

אויפן נביאס באָרד, ווי טוי פאַלן טרערן;
ס׳וויינט לאַ רוחמה, ס׳קלאָגט לאַ עמי,
וואָס איז געוואָרן פון דער מאַמע.

הושע זוכט ס׳זינדיקע ווייב
צווישן די זונות ביים טויער,
ווי אַ דונער פון וואָלקן, לאַכט אַראָפּ
פון באַרג
דער בעל־פעור.

קום צוריק גומר, מיין ווייב,
ס׳וואַרטן אונטערן ווינשטאָק דיינע קינדער געטרייע,
קום צו דיין נחלה פון ווייַן און קאָרן,
צום פייגנבוים אויפן הר אפרים.

הושע בן בארי האָט איר אוירינגלעך געשענקט
און אויף אייביק זי פאַרקנסט
מיט חסד און רחמנות,
מיט הייסע ליבע —
גאָטס גאָלדענע מתנות.

◆

דער פּאַסטעך פון תקוע

אויפן באַרג שטייט דער פּאַסטעך פון תקוע
און בענטשט די פעלדער פון יהודה און פון ציון.
אויפן פיטערפלאַץ שפּילן זיך די ציגן גרויע,
אין די גאַרטנס פייגנביימער בליען.

ציגעלעך און בעק, מיט ליבע און גענאַד
דאַנקען פאַר דער זעט און זיסע גראַזן,
נאַר דער פּאַסטעך אין זיין חלום־נע־ונד
זעט די סטאַדע הונגעריק — פאַרלאָזן.

אויפן באַרג טריפט דער זאַפט מיט כולו־טוב,
מיט זומערפרוכט זיינען פול די גיטער;
נאַר ס׳ברענט דעם נביאס חלום אין זיין שלאָף,
די בידנע סטאַדע בלאָנדזשעט אָן א היטער.

דער פּאַסטעך פון תקוע ווייסט וואָס גאָט האָט אים באַשערט
— אין זיין בלוט ציטיקט שוין די נייע זריעה;
ס׳פּאַשעט זיך אין רו די סטאַדע, נאַר ס׳טרויערט שוין די ערד,
דער נביא זייט די זאָמען פון נבואה.

עמוס זינקט אין שטומקייט פון זיין תפילה
פאַר זיין סטאַדע, קליין אַזוי און שוואַך,
איבער אים זילבערן די שטערן בלאַסע, קילע,
און ערגעץ שווימט זיין תפילה אין דער נאַכט.

ליידיק איז דער מילגרוים, דער שייער אויסגעלערט,
דער כרמל־באַרג פאַרטריקנט און פאַרברענט;
ס׳ליגט זיין סטאַדע הונגעריק פאַרצערט,
— דער נביא האָט זיין וועלט שוין ניט דערקענט.

◆

הורדוס

ס'האָט שטענדיק הורדוס, דער טיראַן
געהיימע שלעסער זיך געבויט,
מיט פּחד און מיט האַס געאָרעמט,
פאַרקנסט מיט זיין געליבטע — טויט.

ס'איז אָפּגעבליאַקעוועט זיין קרוין,
מיט אייפער טראָגט ער זי ביז היינט
וואַנזיניק אין פּוסטן שלאָס
ר'גייט אוים אין אַנגסטן נאָך אַ פריינט.

ער האָט זיי אַלע אויסגעראָטט
אין זיינע קיניגלעכע הויפן,
דער לעצטער שאָטן יאָגט אים נאָך,
— פון זיך אַליין ער וויל אַנטלויפן.

ער ליגט באַהאַלטן און באַוואַכט
און טרוימט אויף זיין געלעגער, ווייכן,
נאָר ס'וועט דער צאָרן פון זיין קינד
מיט וויסטע קללות אים דערגרייכן.

הורדוס-קעניג, דער טיראַן
ווערט הונדערט מאָל אויפסניי געבוירן,
ער זוכט נאָך אַלץ אַ נייעם קרבן
אין די חורבות פון זכרון.

◆

כל נדרי

ס׳איז נאַכט אין גרענאַדע,
פאַרוויגט איז די שטאָט,
און ס׳נידערט די שטילקייט
מיט טרויער און סוד.
אין טיפע באַהאַלטענע
היילן, פון וואַגען
ס׳דערטראָגט זיך געבעט
פון אַן עדה מאַראַנען.

מיט צער פון דורות
געהילט אין טליתים,
מיט אויגן, וואָס גליען
פאַרטערערטע הייסע,
ביי וואַקס־ליכט, וואָס ברענען
ווי ליכטיקע עדות,
דאַווענען אונדזערע
שפּאַנישע ייִדעס.

כל נדרי, וואָס זאָגט אונדז
דער געטלעכער ניגון:
דער נדר און איסור
איז פאַלש און איז ליגן;
כאָטש ס׳האָט אונדז דער שונא
געצוואונגען מיט פייער,
ביסטו דאָך געבליבן
אונדז הייליק און טייער.

דיין נאָמען מיר האָבן
געהייליקט אין פלאַמען.
אָ, גאָט, זיי אונדז מתיר
צו וויינען צוזאַמען
מיט די מאַראַנען,
מיט די עברינים,
וואָס האָבן דאָס לעבן
פאַרשפּילט צו די שונאים.

אזוי האָט געטענהעט
פערנאנדאָ, דער גלח,
ער וויינט אינעם מחזור
זיין פּנים, ווי קאַלעך.
דער נדר, די שבועה,
וואָס איך האָב געשוואוירן
אין קירכישן קעלער
פון אינקוויזיטאָרן ;

ווי קען איך דען זיין
צו אַ נדר פאַרשקלאַפּט,
וואָס האָט ניט קיין קיום
און האָט ניט קיין האַפּט.
כל נדרי, נעם צו
ווי אַ קרבן מיין ליד,
דאָס הייליקע ליד
פון אַ הייליקן ייד.

און ס׳ענטפערט אַ בת קול :
דו ביסט מיר באַגלייביק,
דיין זכר וועט לעבן
פון אייביק ביז אייביק.

◆

בלויער חלום

דיין בלויער חלום

אין דיינע אויגן בלויט דער חלום אונדזערער פון דורות,
אין דיינע אויגן גליען טרערן יידישע און בלענדן.
זיי אייביקן ווי פלעמלעך אין געהייליקטע מנורות.
דיין בלויער חלום איז שוין מער ניט קיין לעגענדע.

וואָס דען געבליבן איז דעם פּרינץ פון געטאָ און פון „יודן־גאַס",
ווי קלאַפּן אין די טויערן פאַרריגלטע און פרעמדע;
און מיט זיין חלום שווימען איבער כוואַליעדיקן האַס.
דיין בלויער חלום איז שוין מער ניט קיין לעגענדע.

ווי דער נביא האָסטו אויפגעוועקט די ביינער, טרוקענע אין טאָל,
ווען געפלויגן איז דיין רוף איבער ימען, איבער לענדער,
האָבן הערצער שווייגנדיקע אָפּגעעכאָט אויף אַ קול:
דיין בלויער חלום איז שוין מער ניט קיין לעגענדע.

איבער דיר לויכט איצט דער הימל פון דער יידישער מדינה;
דו שלאָפסט, נאָר ס'ציט זיך נאָך דיין חלום אָן אָן ענדע,
פון אייניקלעך וואָס וואַקסן פרייע ווי ציפּרעסן גרינע;
דיין בלויער חלום איז שוין מער ניט קיין לעגענדע.

1950

◆

איך קום צו דיר

כ׳קום צו דיר מאַמע־לאַנד, אַליין,
מיטן טאַטנס נישט־דערהערט געוויין.

זיינע טרערן האָב איך דיר געבראַכט,
דעם צער פון דער לאַנגער נאַכט.

פון טרעבלינקע קום איך און פון טויט
און דיך מיין חומש־לאַנד פון חורבות אויפגעבויט.

אויף דיינע שטיינער ליג איך טרויעריק און מיד,
ביסט שיין און קליין אַזוי ווי ספּינטעלע ייד.

כ׳האָב אַנגעטרינקען דיך מיט ליבע און מיט שוויים,
זיך איינגעפּלאַנצט אין דיר, צעגליט און היים.

נאָר ערגעץ פון דער מדבר טראָגט זיך אַ געביל,
דאָס ציגעלע, דאָס לעצטע לעבט נאָך אין גליל.

זיי לויפן מיט געוואוי, מיט בלוט אין פייער־בליקן,
זיי ווילן דאָס ציגעלע דאָס איינציקע פאַרציקן.

◆

צפת

אין הייליקן צפת — כ׳גיי אויף אין דער פרי
בלוי ווי אַ חלום — נוסח ארי.

קלעטערט אַ ייד אויף קופּערנע שטיגן
זינגט אין דער שטיל אַ פאַרצייטיקן ניגון.

שטייט אויפן זוניקן באַרג דער בן־אדם
און שפּינט פון דער זון אַ גאָלדענעם פאָדעם.

מיט גאָלדענע פעדעם ר׳וועבט אוים אַ פאָן,
און הענגט עס אַרוים אויף אַ ווייסן באַלאָן.

פליט דער באַלאָן איבער לענדער און שטעט —
דריי מאָל אַרום אונדזער גרויסן פּלאַנעט,

אַרי הקדוש שוועבט אויבן אָן
אַזוי ווי אַ טויב אין ווייסן באַלאָן.

פלאַטערט מיט גרוס אין ווייטן תהום
פון הייליקער צפת — שלום, שלום.

◆

גלבוע

איך שטיי צופיסנס דעם גלבוע
אין שטילן גרינעם טאָל,
און סזינגט אין מיר דער אַלטער טרויער
פון אייביקן אַמאָל.

איך גיי אַרויף און סגייען מיט
די העלדן פון תנ"ך,
ס'שלאָפט דער באַרג און אויפן פעלז
אַ ווילדער פויגל וואַכט.

צוויי יונגע שומרים פון קיבוץ
היטן דעם גלבוע,
ווי פאַרכישופט איבער זיי
שווייגן הימלען בלויע.

ס'לעבן יונתן און שאול
ווי אַמאָל געטריי,
אין פלי — אַ ווילדער פויגל זינגט:
דוד מלך חי.

◆

שוועסטער־בערג

צוויי שוועסטער־בערג אויף אייבערשטע טרעפ
טרינקען לחיים;
טרויבן־זאפט כ׳גים אָן פולע שעפ:
לחיים מוצא,
לחיים,
מבשרת ירושלים.

אויפן כביש־גבורה עולי רגל ציען;
קול מבשר
פון ירושלים.
פייגל קומען אָן צי פליען
מיט אַ גאָלדענעם רעגן;
עולי רגל — אויף אַלע וועגן.

מוצא וואַשט דעם שטויב פון די רגלים,
מבשרת איז מכבד
פרישן טל מן השמים.

אויף גרינע שטאַפּלען, אין ליכטיקן געקלעטער
איך שטייג מיט די ברושים
ביזן שפּיץ באַרג.

זייט געגריסט
חבריא!
ווידערקולט פון טיפן שטיינער־טאָל
הויל און וויסט:
זייט געגריסט
פעמים,
אין טויער פון ירושלים.

◆

אויפ׳ן הר הבית

מיט ליד פון ווייַנגאַרטן ישעיהוס
שפּאַן איך אויפן הר הבית.

יהודהס בערג פון אַלע זייַטן
זינגען פון משיח׳ס צייַטן.

אין פלאַמענדיקער רויטער שקיעה
ווערט פאַרברענט דער הר מוריה.

אַ שומר בייַ דעם גאָלדענעם טויער
היט די פליגל פון מייַן טרויער.

שרה בת טובים זאָגט אַ תחינה,
— אין גלות וואָגלט אַלץ די שכינה.

בייַ דער שוועל פון שער הרחמים
גליט דער בראַצלאַווער ר׳ נחמן.

ס׳בעט די שטאָט ירושלים:
דייַן הבטחה זייַ מקיים.

איך זינג מיט יידן למד-וואָוו
הודו לה׳ כי טוב.

— — — — — — — — — — —

מיט ליד פון ווייַנגאַרטן ישעיהוס
שפּאַן איך אויפן הר הבית.

◆

בת שבע

איך בין דער שומר אויף דוד׳ס טורעם
און טרינק פון הימל דעם רויטן ווייַן,
דער קעניג שפּילט אויף אַ באַנדורע,
קופּערנע בערג שלאָפן איין.

סאיז מנחה־צייַט, דער טאָג גייט אויס,
אַ פּאַסטעך טרייַבט אַהיים די שאָף,
דער קעניג פון פענצטער בענקט אַרויס,
מזמור לדוד — אַ זיסן שלאָף.

עיר־דוד שלאָפט אויף גאָטס באַראָט,
און איך, דער שומר אויף דער וואַך
פון בלויען טורעם זע דעם סוד —
בת שבע באָדט זיך אויפן דאַך.

◆

דער כותל ביי נאַכט

נאַכט וויגט אײַן ירושלים עתיקה,
לוליעט אויף אירע סאַמעטענע פליגל,
— אַ קינד אין גאָטס וויגל.

מײַן מאַמע צינדט אָן די שטערן־ליכט,
כ׳דערקען דעם זײַדענעם שאַל,
איר שטראַלנדיק געזיכט.

ס׳איז מיד דער כותל
פון שמחות און געוויינען,
— צײַט שוין קריאת־שמע לייענען.

נאָר יידל קלאָגט אויפן פידל,
זינגט מיטן פייטן.
זינגט דער כותל,
זינגען מיט די בערג פון אַלע זײַטן.

ביי נאַכט
דרימלט די האַרנטע פון פעלקער
אין איר פּראַכט,
נאָר דער כותל וואַכט.

◆

מיין זיידע

מיין זיידע אין ווינקל ניגונט ביחידות,
ער זיצט אויפן בענקעלע פון מאך און גראָז
און ריכט איצט אָן — חצות.

זיין פאַרמעט־געזיכט באַהאַלטן
מיט אַלע סודות־קוויטלעך,
פאַרוויקלט אין די שפּאַלטן.

— כביכול, אין בלויע ברילן
וועט לייענען די בריוועלעך
פאַרטערטע,
און ווייגען מיטן כותל באַנאַנד
אויף שילן פאַרברענטע,
תפילות אומגעבראַכטע;

און מיין זיידע, מיין זיידע
וועט מאַכן אַן אל מלא רחמים . . .

כנרת

איך שיף זיך מיטן פישער אויפן ים כנרת
צו פאַנגעַן דעם גאָלדענעם פיש
פאַרן אָרעמען יוסף, דעם שומר שבת
וואָס פלאַסטערט אַ זוניקן כביש.

איך שיף זיך אויפן שיפל מיט מיין זיידנס חלום,
טויכן אויף אויפן תהומיקן פאַרגעם
ליכטיקע אויגן פון אַ חדר ייִנגל
מיט מעשׂות פון רב מאיר בעל נס.

איך שיף זיך אויפן שיפל מיט דורותדיקן טרויער
און מיט מיין מאַמעס תפילהדיק געמיט;
כנרת, כנרת, אין הונגעריקן געטאָ
ווי ווײן כ׳האָב געטרונקען דיין ליד.

איך שיף זיך אַליין אויפן בלויען ים,
און וויג זיך אויף מלכותדיקע פּאַליעס,
דער ארי הקדוש שפּילט אויפן פידל
פאַר ווייסע שבתדיקע כלות.

וויא דאַלאַראָסאַ

אַ באַרג-פֿאַרהייליקטער,
עולה רגל,
פּילגרימעס, טומעס,
פֿרוכטן, בייגל.

אַ מאַרק מיט צלמים
געדרענג, געטומל,
טוכלע מויערן,
מאָך און שימל.

פֿון גרוז און היילן
שטאַרן נסים,
מוזייען, גאַלעריעס,
אַנטיק-מיסטעריעס.

איך קלעטער אויף טרעפּ פֿוןליידן,
אַ ייִד — זיי האָבן דאָ געטריבן,
געפּייניקט מיט אַ דאָרן-קרוין,
אַ קרייץ,
צו ווערן דערלייזער פֿאַר קדמון-זינד,
אַז וויי און ווינד.

אויף דער וויאַ-דאָלאָראָסאַ
ריזלען רויטע טייכן,
בלוט און פֿייער אויף אַלע וועגן,
צייטן,
קעניגרייכן.

דער וויאַ פֿירט מיך אַרויף
אויף סטאַציעס,
שפּורן
פֿון פּוילישע אַלייען,
באַרג אַרויף צו דער יאַסנע-גורע.

ביימער בליען שוין מיט יאַסקער און בעז
אויף אַ בעריאָזקע
הייליקט זיך די מאַטקע באָסקע
מיט אווע מאַריע.
ביי דער יאַסנע-גורע
זיי פירן די יידן פון געטאָ;
היימישע רוימער שטייען אין אַ שורה
זידלען, שפּאָטן,
ס׳פליען שטיינער און בלאָטע
אויפן יידישן קאָפּ
מיט אַ דאָרן-קרוין
אויפן הייליקן וועג צו דער גאָלגאָטע.

פילאַטוס מיט הענטשקעס ווייסע,
אַ שראַמע אויף זיין צורה
מיט אַ שפּיצרוטע ווייזט, באַפעלט:
רעכטס — לינקס
לינקס — רעכטס
טויט, לעבן, טויט, לעבן
און די רוימער אויף אַלע שפּראַכן לאַכן
אויף דער וויאַ, אויף דער הייליקער וויאַ,
און זינגען „אווע מאַריאַ”.

אויף דער וויאַ דאָלאָראָסאַ
— חרובע שילן,
הייזער פאַרברענטע,
ירידן,
יידן,
אַך — באָזשע שוויענטי.

נאָר דאָ, אין ירושלים עתיקה
איז אַ פֿריילעכע די וויאַ,
אַזאַ רוישיקע,
געהייטערטע,
אַ מאַרק אַ זינגענדיקע,
פּראָצעסיעס געלייטערטע
פֿון קוויטיקע שפּאַרעס, שפּיזלען אויגן,
גלאָצן לעגענדעס,
ריטער, מאַנאַכן
אין הייליקע שפּראַכן.
בלוט,
זינד,
מיטן קרייץ דער המון באַגלייט דעם מאַרטירער,
אַ ייד אַ פֿאַרוואונדיקטן,
מיט שטיינער און בלאָטע,
פֿון אַלטן מאַרק צו דער גאָלגאָטע.

איך אַנטלויף,
צו אָטעמען די פֿרישע לופֿט,
פֿון זיתים און צעפּרעסן
און אַ ווייל פֿאַרגעסן.

◆

דער נס אין ענטעבע

ענטעבע דזשאַנגל

.1

אין ענטעבע דזשאַנגל איז דער טאָג פאַרגאַנגען,
אויפן גורל וואַרטן יידן דאָרט געפאַנגען.

אין דער נאַכט דער בלינדער קאַלטע אויגן וואַכן
ווי אַמאָל אין אוישוויץ, ווי אַמאָל אין דאַכאַו.

אין די ווילדע גראָזן גענעצן פאַנטערן,
ס'וועט די שוואַרצע דזשאַנגל באַלד אַנטשלאָפן ווערן.

דרימלען קראָקאָדילן ביי דעם ים וויקטאָריע,
אַמין אין זיין פּאַלאַץ חלומט שוין פון גלאָריע.

אין ענטעבע דזשאַנגל בעטן יידן שטילע,
איבער טויזנט מיילן הערן מיר די תפילה.

איבער אַלע הימלען טראָגט זיך זייער צער,
ס'זאָל ניט זיין חלילה אַ נייער באַבי־יאַר.

— — — — — — — — — — — —

אין ענטעבע דזשאַנגל איז דער טאָג פאַרגאַנגען,
אויפן גורל וואַרטן יידן דאָרט געפאַנגען.

◆

מיר קומען צו פליען

.2

אויף יידישע פליגלען
מיר קומען צו פליען,
די זין פון מסדה,
די זין פון מודיעין

צוזאַמען מיט זיידעס
פון געטאָ פאַרברענטע
מיר פליען אַרויף
צו די שטערן פאַרבלענדטע.

אין בלויען חלל
די נאַכט וועט באַשילדן
יידישע פליער
אין אַפריקע ווילדן.

מיט נסים געהילט
און מיט סודות פאַרטרויט,
מיר פליען אַריין
אין דעם שאָטן פון טויט.

אין אַפריקע העק
וואַרטן יידן אין שרעק,
ניין, ס'וועט ניט זיין הפקר מער
אונדזער פאַרמעג !

מיר קומען צו פליען
מיר קומען געהיים,
אויף יידישע פליגלען
אייך ברענגען אַהיים.

◆

מזמור שיר

אַ געזאַנג פון ליבע צו דעם שטראַלנדיקן האַרץ
פון אַלע אומגעבראַכטע מאַמעס,
צו איר גליענדיקן שרעק
פון קינדער מיט הענט געהויבענע
אויפן לעצטן וועג.

ביסט אונדזערע צוואות
אין הימלען אויסגעבליצטע,
אין קעלערוועגט פאַרקריצטע,
ביסט אונדזער קול

צום אייז־פאַרגליווערטן געוויסן
צום וויסטן ווינט
און צפון־קעלט,
און צו די שטיינער פון דער וועלט.

מזמור שיר,
אַ געזאַנג פון ליבע צו דעם שטראַלנדיקן האַרץ
דערהויבן ;
צו דעם טליענדיקן זשאַר פון גאָלדעם גלויבן.

◆

גאָלדע שלאָפט

פאַרטאָג איז זי אַרויף מיטן פעקל זאָרגן
אויפן הערצל־באַרג
צו די קלוגע, שלאָפנדיקע טרוימער;
מיט דער אָוונט שקיעה וועט ירושלימס הימל
זי איינהילן אין אַ זיידענעם דרימל.

צום יד ושם זי קוקט אַראָפּ נאָך
טרויעריק און מיד
ביז ס׳פליט אַוועק איר ניט פאַרענדיקט ליד
אין מיסטישן אין־סוף.

די נאַכט האַלט איין דעם אָטעם,
גאָלדע שלאָפט.

◆

הר ציון

אויף דיינע קופּערנע טרעפּ, כּדאַרף ניט בלאָנדזשען,
ניט פרעגן,
פון חדר כ׳דערקען דיינע פעלזיקע וועגן,
מלכי צדק, פון חומש קומט מיר אַנטקעגן.

מיטן תהילימדיקן פורמאַן איך שלעפּ זיך
אין דער הייך,
כ׳בין שיכור פון זון, פון ציפּרעסן־ריח,
די קלעזמער פון שול־געסל שפּילן למנצח.

אין מרתף השואה — דער ווינט רייסט זיך קריעה,
ס׳וויינען די שטעטלעך אויף שטיינער וואָס בריען,
אין טרויער מיט אונדז איז געהילט דער הר ציון.

איך בלעטער אין תהומיקן ספר דעם סוד,
וואָס טרייבט אין גיא־חינם צום פלאַמיקן גאָט,
נאָר דער הר ציון איז מציל מיט פריד און גענאָד.

מיינע אייביקע זיידעס פרייען זיך בשמים,
זאָלן אַלע וויסן — איך לעב און געדייע,
מיין בת יחידה וואוינט אין ירושלים.

איך קלעטער און זינג מיטן תנכישן המון:
מזמור לדוד — איבער באַרג, איבער פלוין,
הר ציון שטראַלט מיט זיין גאָלדענע קרוין.

◆

אין גאָלדענעם האַרבסט

סיניאָר שבט

דער פּאַרק שטראַלט מיט חסד
אויף זילבער שקיעהדיקע האָר;
— באַשערט אַ ביסל בלוי, גראַזנטווי
אַ זאַפטיק געטראַנק,
אין שאָטן —
אַנגסטיק וואַרט אַ שטילע באַנק.

געטוליעט, מיר שלייכן זיך
צווישן גרינע שפּאַליערן,
געקרוינטע רויזן־קעפּ;
אַ כלה מיידל, רייף,
מיט אַ ווייסן שלעפּ;
און מיר נייגן זיך, גאַלאַנטע קאַוואַליערן.

מיין שכן אויף אַ שבתדיקע באַנק
הויערט ווי אַ שאָף,
אויגן הינטער ברילן,
אין זיך אַריין געווענדט,
— אַ יידישע צייטונג דרימלט איין
אויף זיינע הענט.

און איבער אים, אויף אַ בוים
ווי אַ פּיאַלעטער נס
חלומט פריש דער יונגער בעז.

◆

זי שווימט אַוועק

אויפֿן טייך אַ צעשראָקענע
זי שווימט אַוועק
אַליין, אַליין פֿון קילן ברעג.

בינען ווילדע קרייזן שטעכיק
אויף מיין וואַלקנדיקן וועג.

פֿאַרפּלאָנטערט צווישן גראָזנשטעכער
איך וויל שפּרייזן,
לויפֿן, אַנטרינען אין אַ רויזן־בעכער,
נאָר מיינע פֿיס —
מיד,
צוגעשמידט.

צעשויבערטע געשטאַלטן,
שאָטן־ריזן, קאַלטע,
נעמען מיך אַרום.
שטום,
אויפֿן טייך שווימט אַ וואַסער בלום.

אין האָטעל

אין מאונטן-האָטעל,
אויף דער וועראַנדע,
וואַקסענע פּנימער דרימלען
מיט אָפּענע אויגן.

מימאָזן ווי מאַמעס
לוליען, לוליען זיי איין
אויף בענקענדיקע שטולן.

ווינט-בלומען צעבלאָזענע
מיט בלויען חסד איבער קעפּ
פּליסטערן מנוחהדיק —
באַרוטע.

און זיי שטאַרן אין זיך פאַרטראַכטע,
אָסיענדיקע, קאַלטע,
קאַלאַמוטע.

אין מאונטן-האָטעל
וועט מיין באָבע רחלע זיצן
אויף אַ היימישער שוועל
און מיט אַ צאנה וראנה ניגון
די וועראַנדע-לייט פאַרוויגן.

◆

אַ גאָלדענער נעכטן

אַזוי זיצן זיי מיינע ווייטע
ניטאָיקע פּעטערס,
ביים קאַלטן טיש זיי וויגן זיך איין
מיט קאָרטן און שוואַכן וויין.

קראַנקע הערצער צעגליִען זיך,
צעצאַפּלען זיך,
אין קאָן זיי שטעלן איין
ליידנשאַפטן אָפּגעצערטע,
ניט באַשערטע.

זכרונות הונגערן,
קאָכן זיך אויפסניי,
צעפּאָכן זיך ברייט און פריי
מיט די קאָרטן אין הענט ;
פינגער ציטערן,
מיראַזש-באַגינען ;
אפשר,
אפשר — אַ פאַרשפּילטן,
גאָלדענעם נעכטן
צוריקגעווינען.

◆

טריבער עלנט

טריבער עלנט האָט זיך שוין פֿאַרהיימישט
אין געמיט,
מיר פֿליען נאָך ליכטיקע פֿאַרביי
אַזוי גיך, אַזוי גיך,
נאָר אירע פֿיס אָדערדיקע, מידע,
שלעפּן זיך מיט שווערע שיך.

דער עלנט גליווערט ביי דער שוועל,
בלייבט שטיין אין וועג.
דורך אַלע פֿענצטער
צעפֿליען זיך די טעג
ווי פֿעדעם שטויב,
דער טעלעפֿאָן איז טויב.

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט,
אויף יענער־זייט צייט
טאַנצט איר געשטאַלט גראַציעז
און שלאַנק,
ווי אַ גאָלדענע זאַנג,
— אַ קינד
וויגט זיך אין ווינד.

◆

באָוערי לאַנד

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און קוים אַנטרינען
פון זיינע ברענענדיקע טעג,
די וועלט איז אים אַראָפּ פון זינען.
נעכטנס שיפן זיך אַוועק מיטן פּעקל זאָרג
און מיטן לעצטן העמד,
ער שטייט נאָך לאַנג פאַרגאַפט
ביים ברעג פון אונדזער פרעמד.

אין באָוערי־לאַנד כ׳דערקען זיין רויט געזיכט;
— ער גלעט דאָס פלעשל גאָלד און ליכט.
אויגן מילדע גלאָצן אָן געבעט,
אָן געקלאָג,
ס׳איז נאָך דאָ אַ שוועל ביי יעדן ראָג.

גיב אים גאָט אַ בלויע לאַטע פון דיין הימל,
אַ דיים אויף אַ בייגל,
און קרישקעס פאַר די פייגל.

.2

ער איז נידעריקער פון גראָז,
די ערד איז אים צו שווער,
און וויל זי ניט פאַרשעמען מיט אַ טרער.

קיינער האָט ניט באַמערקט זיין לעצטן שפּיי,
אַפילו זיין אויסגעשטערנטן הימל
האָט ער שוין געזאָגט „גוד־ביי״
און אַוועק פון פרעמדן מאַרק;
נאָר איינס איז אים אַ שאָד:
די טויבן וואָס בענקען נאָך אים אין פּאַרק.

.3

וואָס האָט אים אין תהום געטריבן ?
אין גיא־צלמות
פון געוועזענע, פאַרגעסענע ?
וואָס איז אים נאָך געבליבן
פון שלאָפלאָזע נעכט ?

ווען ער האָט דערבראַכט זיין גרויסע ליבע
צום מיקראָסקאָפּישן נול,
און דורך פאָרמולעס און ציפערן
דערשלאָגן זיך צום האַרץ פון אַטאָם,
אי'ז ער אַוועק אין דער באַוערי
און געוואָרן אַ באָם.

.4

אַז ער האָט זיך אָנגעשיכורט
איז ער ניט אַרוים קעגן דער וועלט מיט אַ מעסער.
טרויעריק איז ער אויף דער שוועל געזעסן,
זיין האַרץ איז אַוועקגעשוואומען ווייט פון אים
אין זיין בענקען האָט ער בלויז געזוכט
זיין אייגענע שטים ;

זיינע טויבע אויערן הערן ניט
די פינצטערע שטילקייט אפילו,
ער קען ניט דערקענען — קללה צי תפילה.
ער דרייט זיך נאָך אַרום ערגעץ וואו
נאָר זיין האַרץ איז אינגאַנצן צו.
אַז ער האָט זיך אָנגעשיכורט
לאָזט ער די וועלט צו רו.

◆

אין פיבערנאַכט

1.

דאָס ליד וואָס דו האָסט מיר ווי אַ רעצעפּט פאַרשריבן
האָב איך מיט היל-טראָפּנס איינגענומען,
איך האָב דיך דערקענט אין ריח פון אַפּעריִרטע לייבער
צווישן געל-בלייכע פּנימער
און פאַלנדיקע הארבסט-בלעטער.

פון תהום האָב איך צו דיר אַרויפגעזונגען
מיט ווערטער שטילע:
לא אירא רע כי אתה עמדי;
אין פּיין פון דיין קראַנקן דופק
בין איך געוואָרן תפילה,
ווען די קראַנקן-שוועסטער האָט געוואַכט ביי מיין בעט
און מיינע האָר געגלעט.

היינט האָסטו זיך אַנטפּלעקט אין אַלע קאָלירן;
איך האָב דערזען דיין שוואַרצע צאַרטקייט,
ברוינע טריישאַפט, און ווייסע ליבע.
איך האָב שוין באַלד פאַרגעסן אַז דו ביסט
מסוכן קראַנק אויף אַלע קאָלירן.
אין ריח פון אורין ביסטו געזונט געוואָרן.

אַז איך וועל טרינקען דיינע טרערן
וועל איך אויך געזונט ווערן.

2.

אין דרויסן פון מיין קראַנקן-צימער
שלאָפן נאָך די שוואַרץ-פאַרטשאַדעטע הייזער,
שאָטנס געשוואָלענע פון דער שטאַרבנדיקער נאַכט.
מיין קראַנקער שכן לויכט זיך ערגעץ וואו
מיט אַלע לעמפּ וואָס הענגען איבער דעכער.
גאָט האָט אים פאַרוויגט מיט אַ שלאָף-פּיל,
פענצטער דאַווענען אין דער שטיל.

.3

אין וואַרעמען פּאַווילאָן
מיר שאַרן זיך מיט שטילע טריט
ווי ערב בראשית,
איידער ס'איז די וועלט געוואָרן קראַנק.

כ'האָב דאָ געלערנט אַ שפּראַך
פון פּיין און ליבע;

געאָרעמט זיצן דיינע קינדער טריבע
אין מילדער פריינטשאַפט איינגעהילט.

אין דרויסן ווען זיי אויסגיין פון טרויער
און קעלט.

לאָמיר בויען אַ שפּיטאָל פאַר דער וועלט.

.4

מיין קראַנקער שכן, אָפּגעצערט און דאַר
האָט געטרייסט דיך אין שטומען צער
און מיט זיין לעצטן אָטעם געזאָגט:
סלחתי.

די לאַנגע קענסער-נאַכט,
דער נייער טאָג אין מוטער-טראַכט,
הילפלאָז האָבן אויסגעפּליסטערט:
סלחתי.

איך אליין, אַ שטויב אַ ליכטיקער
פון דיין קרוין,
פון די טיפסטע תהומען
כ'האָב געגרייכט דיין צאַרטע האַנט
אין רויטן הימל-בראַנד;
איך זינג צו דיר:
סלחתי.

◆

חצות זינגער

דער בערנבאַרג ביים האָדסאָן

היט זיך מזל־יעגער פאַרן בערנבאַרג,
אין וואָלקן איינגעהילטן אורוואַלד;
היט זיך פישערלייט,
די שטריקנעצן אין אונטערדעק באַהאַלט!

פון די פלאַנטער־קוסטעס טויזנט אויגן גלאָצן
אויף זעגלשיפן פרעמדע,
וואָס ציען אויפן האָדסאָן.

זיי געוואָרנט פאַר די שווייגנדיקע פעלזן;
אויף גרינע סקאַליעס, אָנגעלאָדענע מיט דינאַמיט,
אינדיאַנער פויזן
מיט שטילע פוקסנטריט.

היט זיך וואַלדזעגער,
הירשן־יעגער,
פאַרן אָוונט־סוד, ווען ס׳טובלט זיך די זון
אין האָדסאָן־טייך.

נאָר איך, דער זון פון פאַרברענטע שטערן
האָב ניט מורא פאַר די באַרג־בערן.

דיין וואַלד־מעלינע איז מיר היימיש,
אין ווינט, דיין צאָרנדיקער רויך;
ס׳בריען היינט נאָך מיינע פיס
אין פייער־טאַנץ פון באָרוועסע אינדיאַנער.

איך בין אליין אַ שפּליטער־גלי
פון מיין שבט,
אַ פאַרוויטער מאָהיקאַנער.

נאַכט אויפֿן טוירנפּייק

צויבער־שפּיל, אין נאַכט־כאַאָס,
האָגלט גאָלד אויף בלינדן שטראָז.

ליכט־קאָלירן בלענדן, מיניען,
אויגן שיכורע פֿאַרכליניען.

קאָסמאָס־הימל, קאָסמאָס־ערד,
זשאַר צעקרישלט און פֿאַרצערט.

גליען פֿינקלדיקע זאָמען,
איינגעשלונגען אין די תּהומען.

פֿענצטער, אויטאָס, פֿלי־לאָמטערן,
בליצן, הענגען אין די ספֿערן.

ווייסער מילך־וועג, פֿייער־שלאַקסן,
עלעקטראָנישע גאַלאַקסן.

רויטע לעמפּ, צעגליטע בליקן,
שלענגלען זיך אויף פֿלאַנטער־בריקן.

אויבן שטערן, אונטן שטערן,
טאַנצן פֿונקען און זיך מערן,

קייקלען זיך אין נאַכט אַוועק,
אויטאָס זינגען אויפֿן וועג.

כּתר־מלכותדיקער הימען,
תּולה ארץ על בלימה.

◆

מיין בוים

מיין בוים לעם טאראַס איז חולה מסוכן,
אָן זאַפט, אַ דאַרע סטראַשידלע
מיט אַ געבויגענעם רוקן;

אין רויכיקן פאַרטאָג
ער פליסטערט מיר נאָך מיט שטומען געבעט
ביזן ראָג;
ס׳פליען ברוינע בלעטער מיט שטויב און געקלאָג.

ס׳געוויין פון האַרבסטיקן בוים טריפט אַריין
אין אונדזערע געמיטער.

נאָר מאָרגן וועט ער ווידער אַ צעגליטער
פאַרגעסן פון טרויער און קעלט,

און פלוידערן נעכטיקע וואונדער פון אַ ווייסע
נישטאיקע וועלט.

◆

מעוועס

אויפֿן האָריזאָנט, ווי אַ ברענענדיקע שיף,
די זון גייט אונטער.

ס׳פֿלאַקערן שקיעהדיק די מאַסטן.
לאָמיר זיך צעזעגענען,
די ים־פֿייגל קענען קוים זיך דערוואַרטן
נאָך אַ שווערן טאָג פֿאַסטן.

ס׳וועט ניט זיין אומזיסט,

מיר וועלן מידע, אָפּגעבאַקענע, אַוועק
פֿון פּלאַזשע־מיסט.

רוישיק, שטורעמען די אָוונטיקע־כוואַליעס
פֿייגל, פֿייגל, פֿייגל,
אויף די בריקן, אויף די זאַמדן, אויף די סקאַליעס.

מעוועס לאָזן זיך אַראָפּ
מיט קינדער קוויטשערייען,
און מאַכן זיך אַ פּיקניק פֿון אונדזערע שיריים.

◆

אַריינגעזמרט אין דיין סוד

אויפן שפּאַציר־בריק, אין ברייטן
יחידותדיק,
כ׳ווער אַריינגעזמרט אין דיין סוד.

כ׳בין דיין צעל־יציר,
תפילה־קלאַנג פון דיר,
דיין אין־סופיק שיר ;
— אַ שעפּט
פון ווינט־געדויש, געווירבל
און געניאַד.
אַ טראָפּ — איך אייביק
אין דיין מבול.
אַ שטראַל — איך ליכטיק
אין דיין רעגנבויגן ;

אַ קינד — פאַרבליפּט
מיט הונגעריקע אויגן.

ווערסט מיך אַ פאַרבלענדטן
פאַרפלייצן,
צוזאַמענגיסן מיט דיינע עלעמענטן.

אין געיעג
איך ווער שוים פון אַלע ווייסע שוימען
וואָס שטורעמען אומזיסט דיין ברעג,
געשטויסן הין און צוריק,
ביז סגייען ׳אוים די כוחות
אין שטילן שלאָפנדיקן זאַמד,
הינטערן בריק.

◆

ווינטער, אַליין אויף דער בריק

פראָסטיק, ווינטיק אויף דער בריק,
ספּנים ברענט, די האָר צעפּלויגן,
אַ צפונדיקער שניי־טומאַן
רייסט זיך אין די אויגן.

אויפן פאָרענטש, צום שטורעם־ים
כ׳שטרעק די הענט אַריבער, דרייסט,
ווי כוואַלט מיט זיינע ריזן־כוואַליעס
זיך געדרייצט.

זיי רוישן בייז, געוואַלדעווען,
ווילן מיך פאַרציקן,
ווילן מיך צעביסן, צעררייסן
אויף שטיקער.

נאָר איך, אַן אימה, ווי אַקינד
וואָס האַלט זיך ביי אַ מאַמעס האַנט, אַ ווייכע;
אויבן, הויך, אויף דער בריק
שרעקט מיך נישט דער ווינט;
ווייסע שוימען־בערג קענען מיך ניט גרייכן.

נאָר אין שלאָף,
אין מיין קאָשמאַרנעם חלום,
זיי וועלן אויף מיר טשאַטעווען
און איך וועל לויפן, שרייען
מאַמע, מאַמע, ראַטעווע.

◆

אַ שיל אויף קלינטאָן סטריט

ווער האָט זיי גורלדיק געטריבן אויף ימען אומבאַקאַנטע,
פון הימלען גרויע היימישע, פון שטעטלדיקן גליוועך;
מיט אומעטיקן רוקזאַק, וואַגלער ווייט־פאַרוואַנדטע,
און אויגן ברייט־צעפראַלטעביים שוימיקן איסט ריווער.

איך שפּאַן מיט יענעם פעדלער־קרוב, פּיאָנערישן פון בליציייט
וואָס האָט פאַרקריצט זיין היים־שטאָט אין אַ שיל אויף קלינטאָן,
ער האָט ניט געאַנט אין קאָכעדיקן איסטסייד
אַז פליען כ׳וועל צו אים אויף נסימדיקע ווינטן.

אין טשענסטאָכאָווער שיל, חתם סופר, אויף קלינטאָן סטריט
געאײנזאַמט האָט מיין פעטער, דער אַפּרייטער און קאַטער,
גלאָוואַצקי־פעלד ביים טייך געגרינט האָט פריש אין זיין געמיט,
זיין מאַמע האָט מיט אים געוויינט אין יידישן טעאַטער.

איך בין דאָס לעצטע בלעטל פון אַ שטראַליקער געשיכטע,
פון מיין שטעטל אָן אַנטלאָפענער, פאַרוואונדיקטער, צעברענט;
די לייבן־קעפּ און לייכטער, די פשוטע געזיכטער
שיינען אין דער קלינטאָן סטריט — אַ צאַרטער מאָנומענט.

פוילנס אומעטיקע גאַסן, בערגלעך גלאָז און ברוכוואַרק,
ביי דער וואַרטע כ׳פיבער נאָך מאומהדיק אין קלעם;
די שילדן יידישע אויף איסט־סייד, ווי אין אַלטן מאַרק,
די טשענסטאָכאָווער אַלטע שיל — זה השער לשם.

פון די פאַרבאָטענע לידער

.1

אין צעברענטן הויז פון בראָנזוויל געטאָ,
מיט בלעך פאַרקלעפּטע לעכער,
האָבן מיינע מומעס און פעטערס
קינדער אויסגעבריט,
און היימען האָבן שטילע געבליט.

פרעסערס און קאַטערס,
פאַרהאַוועט און היים,
האָבן געחלומט און געדאַנקט,
געחלומט און געדאַנקט.

קינדער מיט מי און מיט שוויים
האָבן אויף לייטערס געקלעטערט;
מיך שרעקט דאָס אָפּגעברענטע הויז
אין בראָנזווילער געטאָ.

.2

אין יענעם פּוסטן הויז אָן דאַך,
אויף אַלאַבאַמע גאַס
האָבן שבת-ליכט געשיינט אין פענצטער,
ווי אין אָרעמען באַלוט די אויגן פון אַ מאַמע.

די פאַרקוילטע מויער מיט סעקס-געשפּענצטער —
אַ זכר פון שיל מיט שבתדיקע ייִדעס;
פון פאַרברענטע געטאָס איך בין דער עדות.
מיך שרעקן דיינע צינד-געטער,
הפקר-טרויער אין בראָנזוויל-געטאָ.

.3

ד״ר ראָזען פון נייעם מאַרק
אין אַ בלויער קאַרעטע
איז געקומען אין הייליקן געטאָ . . .
צו מיין טאַטן.

ד״ר ראָזען מיט דער געלער לאַטע
פון טרעבלינקע
האָט מען ווידער געפונען טויט
אין זיין קאַרעטע,
אין בראָנזוויל געטאָ.

.4

אויף שוועלן מיט שכנים מידע
האָבן ווייטע שטעטלדיקע טייכן געבענקט.
פון שולן זיינען קינדער געקומען מיט לידער,
פענצטער האָבן געזונגען,
דעכער האָבן געבריט,
נאָר אונזערע טרערן האָבן סיווי געגליט.

איך האָב געלערנט דאָ אַ ניי לשון,
ווי מיינע אבות אַמאָל אין בראשית־פוילן.
אין בראָנזוויל תהום
דיינע וועגן דרייען זיך פאַרהוילן;
איך נישטער אין אַש פון פאַרברענטן סלאַם,
גאָטס קינדער מאַכן אויף זיך אַ פאָגראָם . . .

.5

און אַז מיר וועלן לויפן
פון היימען ליכטיקע און פאַרקן
וועט מיטלויפן אונדזער הימל,
וועלן זיי ירשענען אונדזער גאַס
אונדזערע נעסטן;
און אַז זיי וועלן מיד ווערן פון הייזער ברענען,
פאַרקן פאַרפעסטן,
וועלן זיי גרויס און קליין
וויינען אויף זיך אַליין.

אַז מיר וועלן לויפֿן פֿון אונדזער גאָרטן
וועלן מיטלויפֿן די פֿריילעכע וועוועריקעס,
די זומער־פֿייגעלעך וועלן מיטפֿליען
מיט ווייב און קינד.
אַז מיר וועלן אַנטלויפֿן וועלן זיי ירשענען
רויך און ווינט.

◆

אין חלום־אויג

אין ליידיקן פּאַלאַץ גלאָצט בלשאצר,
ווערטער בליצן אין גלעזערנעם זאַל,
די לבנה שלאָפֿט אויף אַ וואָלקן־קראַצער
— אין חלום־אויג פֿון מאַרק שאַגאַל.

אויפֿן דאַך פֿון עמפּייר־סטייט
איך טרינק פֿון דער נאַכט גאָטס קאַלטע טרערן;
דער נביא ווייסט דעם סוד־באַשייד:
אויף בראָדוויי לעשן זיך אויס די שטערן.

דער פּאַרק אין אָוונטרויט — פּאַרצערט,
צבאות — באָרוועסדיק און נאַקעט,
בלשאצר רייט אויף אַ בראָנזן־פֿערד,
אַ קראָ אין הימל ווײנט און קראַקעט.

נאָר איך — אַ קינד מיט נח'ס טויב,
אין אָסיענדיקן בלעטערפֿאַל,
לידער גאָלדענע איך קלויב
אין חלום־אויג פֿון מאַרק שאַגאַל.

◆

אויף יענער זייט

און אַז כ׳קוק צוריק אַ ווייל
אויף יענער זייט שפּיגל
שטראַלן דיינע אויגן פרעמד־געהיימע;
טרויער איינגעדרימלט
ווימלט
מיט צאַרנדיקער אימה.

פּורפּול־רויטע שולד, באַהאַלטן,
טיף, אין תפיסה־דנאָ פאַרריגלט
ברענט,
מסתמא —
אַ צעפּייניקטע נשמה.

אויף אַ צעכראַסטעטן וועג
געטריבן,
פון אייגענער הויט,
ביסט ווייסער שוים, צעקרישלט
ביים ברעג פון גאולהדיקן טויט.
ס׳איז אַן אַלטע געשיכטע
פון פלאַטאָ ביזקל פרויד.

◆

חצות־זינגער

אזוי האָט מען גוזר געווען אויף אונדז.
צו בלייבן אויף דער־זייט בריק;
און מיט געבראָכענע קני, אויפן אַשיקן ליכטוועג,
שלאַבעריק, מיר קריכן צוריק.
אַזוי איז געפאַלן דער גזר.
אין דור פון גלגולים און שדים;
— פאַרלאָטן מיט זיידענע פעדעם
אונדזער וואונדיקן צער.

זייערע שאָטנס אנגסטיק קלאַפּן אין אונדזערע טירן,
— טרויעריקע חצות־זינגער
גלעטן אונדז, באַרירן מיט געפרווירענע פינגער;
זיי קומען זיך דערוואַרעמען ביי אונדזערע טישן.
שלאַנקע זיי טאַנצן אויף ווענט מיט באַשערטע,
ווייסע שוואַנען־העלדזער שוועבן ווי מוזיק
אָן ווערטער,
ניט דערשפּילטע אָווערטורן.

בלייכע שפּורן,
זכרונות, איינזאַמען אין אלע ווינקלען,
הימל־בלויע געשטאַלטן שפּיגלען זיך,
פאַרקעמען די פריזורן.
קינדער ליגן אויף אונדזערע געלעגערס
ווי רויכיקע קישענס,
דרעמלען אין אונדז, גענעצן, וויינען,
פאַרקייכן זיך אין אונדזער רו;
מיידלעך וואַרטן אויף אונדזער שלאָף
— זיך טרעפן ביים טייך
אין אַ פרילינגדיקן ראַנדעוואו.

אויפן אַשיקן ליכטוועג, אויף דער־זייט בריק
מיר קריכן ניט אַליין, מיר קריכן ניט אַליין,

זיי באַגלייטן אונדז ווי מוזיק
מיט זייערע תרעומותן, פאַרוואָסן;
אָן אייביקער ווינט-געוווי,
אָן אייביקער ווינט-געוויין.

* * *

מיט יעדן יאָר ווערן די שאָטנס גרעסער,
נאָר מיר שרימפּן איין אין זייערע טונקלבלויע געשטאַלטן;
אין מעש לבנה-דיקע נעכט זיי גיסן זיך אַריין אין אונדזערע גופים,
פאַרוועבטע, מיר קענען ניט אַנטרינען, זיך ניט באַהאַלטן.
גורלדיק, זיי געדענקען דעם שיידוועג,
זיי ציילן כסדר אונדזערע מינוטן
ווי ניט-געצאָלטע חובות;
זיי טיילן אוים אונדזער טעגלעך שפּייז,
מיר הערן אויף שמייכלען, פאַרגליווערט
אין זייער גלאָזיקן אייז.

זייערע ברילן דאַוונען אין אונדזער סידור,
ווי ריטמישע פּויקהערצער זיי ווערבלען אין אונדז
ווידער און ווידער,
זיי שוועבן איבער אונדזערע קעפּ — אַ קלאָגנדיקער
נאַכטווינט,
זיי בליען מיט אונדזערע קינדער אין טויאיקע גאַסן,
און פאַלן פון דיביימער אויף האַרבסטיקע טאַראַסן.

די שאָטנס ווערן גרעסער מיט יעדן יאָר
און מיר שרימפּן איין
מיט די לעצטע לידער פון פאַרשניטענעם דור,
דער לעצטער כאָר.

◆

מאַסקעס

מיר טראָגן בלייכע מאַסקעס,ביידע
איך — פאַרשלייערט מיט מיין צעשראָקענעם גאָט
ער — מיט זיין פאַרנעפּלטן סוד.
— עכאָס צווײ פון יענעם מבול
וואָס האָט אויף אונדז געוויטערט
מיט ענויים.

ליבלעך, צאַרט, זיין מאַנדלשמייכל ציט
נאָר אַ רעטעניש אין שוואַרצאַפּל גליט.

אין צערקווע ער בעטלט כריסטוסעס לאַסקע
און קומט אַהיים געלייטערט
אין אַ מאַסקע.

אַ וואָרט, צומאָל אַן אומשולדיק פּאַראַט.
מיר טראָגן בלייכע מאַסקעס, ביידע:
ער — פאַרהוילן מיט זיין סוד,
איך — מיט מיין חשד.

גיב מיר כאָטש אַ רמז,
אַז וואָס איך טראַכט פון מיין גוטן שכן
איז ניט אמת.

שטיל־לעבן

אויפן הארבסטיקן לייוונט
שקיעה בלענדט אין גרינע אויגן
מיט פארבן ניט געשטויגן.

הימל־בלויער דרימל־טיש
— א וואזע טוליפאנען,
אויבסט צערויטלט, פריש,
און אפגעשפילטער פידל,
נאָטן געלע וויאנען.

דער גילגול פון א קלעזמער ניגון
פלאטערט אויפן טיש
אין מיין אויסגעטראכטן
פארב־געמיש.

◆

טויב־שטומע קענען זיין ניגון דערהערן

ס'ליד וואס ריזלט אין דמיון
פון טויב־שטומען מיידל, פארליבט
איז דער אייזיקער ווינט אויף שוימיקע כוואליעס ;

צי אפשר א ניגון וואס בענקט
מיט פארטייעטע קלאנגען,
שאפנס נאָקטורן
אין הארבסטנאכט געפאנגען.

מיר קענען ניט באנעמען
דאס ליד וואס שווייגט
אין איר צעשפילטער רייפקייט.

נאר ס'וועט די השגחה זיין ניגון באשערן
וואס טויב־שטומע קענען דערהערן.

איך רעד מיר איין

איך האָב זיך פאַרשפּאַרט
מיט מיין בלויער טויב
אין אַ גלעזערנע תפיסה.
דרויסן פרילינגט
מיט קראָפּעווע און שטויב
און גסיסה.

אויף דער אַכטער אַוועניו
זינגט אַרויף דאָס מיסט
ביזן הימל;

בראָדוויי וויגט זיך שיכור
געאָרעמט מיט הורן;
הייזעריק,
פאַרדבקעט,
גיטאַרעוועז טרובאַדורן.

יאָמער גיסט זיך טרויעריק
מיט געקוויטש, געריטש
אין גאַס
אַ לאַווע ניט געהיילטער האַס;
ווידערקוילן
גרוילן.

און איך אין מיין גלעזערנער תפיסה
פאַרשפּאַרט מיט מיין צאַרטע טויב
רעד מיר איין — איך גלויב,
איך גלויב.

◆

דער הימל ברענט אויפ׳ן הר מוריה

דער פּאָעט וועט ראַטעווען די וועלט
י. באַשעוויס זינגער

דער הימל ברענט,
דער הימל ברענט אויפן באַרג מוריה;
אין פּורפּור־פלאַמען די וועלט ווערט פאַרצערט,
די זיילן גליען,
ס׳ציטערט די ערד.

יאושדיק, צבאות פון פייער רופט,
אַ שטים אין רויך צעקרעלט:
קום פּאָעט, ראַטעווע
מיין ברענענדיקע וועלט.

איז ער אַרויף מיט הונגעריקע לידער
אויפן באַרג מוריה,
מיטן אַלטן גלויבן און צווייפל טריבן,
ראַטעווען וואָס איז נאָך געבליבן.

דער הימל ברענט,
דער הימל ברענט אוים אין אָוונט־שקיעה,
דער פּאָעט, געטריבן פון דורשטיקן לוסט,
ווי דער שעפּס אויפן באַרג מוריה,
ראַנגלט זיך איצט פאַרפּלאָנטערט אין קוסט.

דער הימל ברענט, דער הימל ברענט,
ווער וועט ראַטעווען דעם פּאָעט
איידער ס׳ווערט שפּעט?

◆

יוגנט קוואַל

וואונדערוועלט פון ליכט און טראָפּיק־וואַלד,
אין טונקל־גרינעם קוסט רירט זיך אַ געשטאַלט.

כ׳הער דעם ווייטן רויש פון וואַסערפאַל,
פאַנג דע לעאָן טרינקט פון יוגנט־קוואַל.

אין אַזיערע פלאַמינגאָס שווימען פריי,
אויף אַ פּאַלמע קרייט אַ פּאַפּוגיי.

אין מוטנעם טייך אַן אַליגאַטאָר דרימלט,
דער לעצטער פון פאַרגעסענעם אַנימלט.

ס׳שוימט דער ים צעוויגט מיט זעגלען ווייסע,
ניגונט טאָג און נאַכט די זעלבע מעשה.

פון שיפן טרויעריקע ביי דעם האַפן,
און טרערן פון פאַרקויפטע שוואַרצע שקלאַפן.

געבליבן איז אַ סאַגע קוים פאַרגעסן,
מיאַמי שטראַלט מיט ליכטיקע פּלאַרעסן.

נאָר איך, פאַרבליבט אין נאַכטיקן חלל
מיט פאַנס דע לעאָן כ׳זוך דעם יוגנט־קוואַל.

◆

מיין פרוי

און מיינע קינדער,

מיט ליבשאַפט

עפּילאָג

הימלגאָלד טריפט מיט האַרבסטיקן דעמער,
אין קילן ווינט פלאַטערט מיין זמר.

פון וויין וועפּט אויס דער לעצטער טראָפּ,
די סטאַדע לאָזט זיך פון באַרג אַראָפּ.

סומנע טעג, צעקרישלטע, וויאַנען;
מיך ציט דער נס פון פלאַם-טוליפּאַנען.

מיינע לאַפּטשעס אין מוזיי איינגערעמט,
געבליבן כ׳בין אַ פאַסטעך אין דער פרעמד.

אין קעסלקאַך פון שטויביקן געקנויל
שבתט מיין ליד אין גאַס פון כלו-חול.

ס׳איז מיין לידערבוך ווי איך אַ געמיש,
אַ וואַגל-קינד ביים זיידנס יום-טובדיקן טיש.

דער וואָרטע-טייך, צפון-נאַכט געקלאַג
זינגט אין מיין שקיעהדיקן עפּילאָג.

ברוך השם פאַר דער זילבערנער לירע,
דעם דינסטן שטראַל פון זיין יצירה.

◆

אינהאַלט

זייט

אַ פאַרלוירענע באַלאַדע 5

ממעמקים

ממעמקים 7
אַ פשוט ליד 8
אין שפעטן האַרבסט 9
איך ווייס 11
צו שפעט 12
צויבער־האַרף 13
גליוואָרעם 14
כ'האָב ניט קיין טענות מער 15
שכורע געטער 16
אַנטלויף 16
דער הויפזינגער 17
זיינע אויגן 18
אלהי 18
אויף שאַגאַלס דאַך 19
תפילה לאדם 20
פערל און שטויב 21
ווער בין איך 22
אויף מיין וואונדער־וואַנדער וועג 23
מיין פאַרמעג 24
צו דיר 25

אין דער פרעמד

אַ פאַסטעך אין דער פרעמד 26
דער הימל טרינקט . . . 27
ס'ברענען די פעלדער 28
נאַכט 29
אין זיין חומשדיק געצעלט 29
אין ווינט 30
וועלף 30
בוראַנעס 31
פאַסטאָראַל 32
דורשטיקע שאָף 35
אַ טאַרבע לידער 36
קריפלבוים 37
קדמון ליד 38
דאָס לעצטע שעפסעלע 39
דער גן עדן פויגל 40

זייט

בענק ניט צוריק 41
אין חלום בלויז 43
נאַכט־געזאַנג אין דאָרף 45
די האַרבסטיקע רו 46
מיר זינגט אין זכרון 47
רוסישע מאַמעס 48

די לאַנגע נאַכט

די לאַנגע נאַכט 49
איך בין פון פליען מיד 50
אָפגעריסן 51
אַן אָדע צו אַ רעפטל ברויט 52
הונגעריקע סטאַדע 53
לאָמיר זיך טיילן 53
אַ הונגעריקער פויגל 54
אַ תפילה פון אַ הונגעריקן 54
אין לאַגער־שפיטאָל 55
פאַרשיקונג 56
אין סיביר 57
אויף פרעמד־ווייסע וועגן 58
מיין גלויבן 59

אַ פאַרטרערטע געשיכטע

פאַרגאַנגענע רגעות 60
דאַנציג 61
יודנגאַססע 62
פאָול בענעקע 63
דער הענקער 63
פרעג ניט בעסער 64
ערב חורבן 65
מיט אַלע ווייסע שוואַנען 66
איך שיף זיך אַריבער 66
אויף דער אַרישער זייט 67
מיין יודנריינע שטאָט 68
די אַלטע שול 69
צו דער וואַרטע 71
יאַסנע גורע 73
יודנריין 73
ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק 74
ווען די טויערן זיינען צוגעפראַלט 76

	זייט
אַפשייד	77
אַ גוטאָ קינד	78
אין קלויסטער	80
נאַכט־קאַשמאַר	81
שטילע זאָקן	82
מנחם דער שמידער (באַלאַדע)	83

יאַנוש קאָרטשאַק

געפינען אַ קינד	84
ער איז ניט מודה	84
קראָכמאַלנע גאַס	85
עין חרוד	85
טרערן	86
פנים אל פנים מיט גאָט	86
לעצטער גאַנג	87
גלעזערנע הייזער	88
אויפן וועג ליגט יידל	89

אייביקע קוואַלן

ניט גענוג פאַר צוויי	90
פאַרוואָס	91
אָדם זיצט פאַרטרויערט	92
יעקבס לייטער	93
ער וועט אייביק רעוואָלטירן	94
דער עיבל שעלט	95
דער הר גריזים	96
בלעם דער רשע און פאָעט	97
איוב	97
יעל	98
מגילת רות	99
שמשון	104
שאול	105
הושע בן בארי (באַלאַדע)	106
דער פאַסטעך פון תקוע	107
הורדוס	108
כל נדרי	109

בלויער חלום

דיין בלויער חלום	111
ביקום צו דיר	112
צפת	113

	זייט
גלבוע	114
שוועסטער־בערג	115
אויפן הר הבית	116
בת שבע	117
דער כותל ביי נאַכט	118
מיין זיידע	119
כנרת	120
וויאַ דאָלאָראָסאַ	121
ענטעבע	124
מיר קומען צו פליען	125
מזמור שיר	126
גאָלדע שלאָפט	127
הר ציון	128

אין גאָלדענעם האַרבסט

סיניאָר שבט	129
זי שווימט אַוועק	130
אין האָטעל	131
אַ גאָלדענער נעכטן	132
טריבער עלנט	133
באַוועריי לאַנד	134
אַ פיבערנאַכט	136

חצות זינגער

דער בערגבאַרג ביים האָדסאָן	138
נאַכט אויפן טוירנפּייק	139
מיין בוים	140
מעוועס	141
אַריינגעזמרט אין דיין סוד	142
ווינטער, אַליין אויף דער בריק	143
אַ שיל אויף קלינטאָן סטריט	144
פאַרבאָטענע לידער	145
אין חלום אויג	147
אויף יענער זייט	148
חצות זינגער	149
מאַסקעס	151
טויב־שטומע קענען זיין ניגון דערהער'ן	152
שטיל־לעבן	152
איך רעד מיר איין	153
דער הימל ברענט אויפן הר מוריה	154
יוגנט קוואַל	155
עפּילאָג	157

◆